Spetsiaalne fond

·J·K·L·

1926

AR
106.922
ENSV
Riiklik ...
Raamatukogu
A 394
1961

# X

## E. V.

## Juudi Vähemusrahvuse Kultuuromavalitsuse Juubeli album.

## מאסף היובל
## של הנהלת האוטונומיה
## התרבותית ליהודי אסטיה.

## דער יובל-אלמאנאך
## פון דער יידישער קולטור-
## -זעלבסטפארוואלטונג
## אין עסטי.



Riigivanem K. Päts.

# די איצטיקע קולטור־פארוואלטונג.



קולט.=לייטער ש. גורין



פארזיצער: ג. אייזנשטאדט.



וויעצ=פארז. א. גענדעל.



קאדאסטר=לייט. ח. איצקאוויטש



מ. ראגאווסקי



מ. זשיטאמירסקי



פינאנס=לייט. ד״ר מ. קלאמפּוס

Juudi vähemusrahvus pühitseb oma kultuur-autonoomia 10. juubelit. Kümme aastat pole kuigi suur ajajärk, kuid arvestades meie rahvusliku kooselu erilisusega, väikese seltskonna omapäraste tingimustega, raske ja okkalise teega, mis on läbi käidud, võime, vaatamata tihti läbipääsmatutele, tihti liialdatud lahkhelidele, pühitseda juudi vähemusrahvuse rahvuslikku püha Eestis rahuldustundega.

Juudi Kultuurvalitsus pöördub kõigi juutide poole õnnitlusega ning soovib kõigile õnnelikku ja rahulikku elu, viljarikast tööd juudi rahva õitsenguks.

Meie sügavaim tänu Vabariigi Valitsusele, eesotsas Härra Riigivanem **Konstantin Päts**'iga lojaalse ning inimliku suhtumise eest juudi vähemusrahvusele ning ta omavalitsusele.

10. juubeliks väljaantava juubelialbumi sihiks on anda ülevaade Juudi Kultuurvalitsuse tegevusest, kriipsutades seejuures alla juudi kultuurautonoomia tähtsust juudi vähemusrahvuse täielikema ning austustäratavaima esitusena.

דער יידישער מעוט אין עסטי פייערט דעם **10**=יאריקן יובל פון דער קולטור=אווטאנאמיע.

צען יאר איז ניט קיין גרויסע היסטארישע תקופה נעמענדיק אבער אין אכט די ספּעציפישקייט פון אונזער נאציאנאלן צוזאמענלעבן, די אייגנארטיקע באדינגונגען פון א קליינעם יידישן קיבוץ, דעם שווערן און דארניקן וועג, וועלכער איז דורכגעמאכט געווארן קענען מיר ניט קוקענדיק אויף אלע אינערלעכע אפטמאל אומפארמיידלעכע, אפטמאל איבערטריבענע מיינונגס=פארשיידנהייטן, מיט א געפיל פון באפרידיקונג פייערן דעם נאציאנאלן יום=טוב פון דעם יידישן מעוט אין עסטי. די קולטור=פארוואלטונג ווענדעט זיך צו אלע יידן פון עסטי מיט דעם הארציקן מזל=טוב און ווינשט אלעמען א גליקלעכן און פרידלעכן צוזאמענלעבן, א פרוכטבארע ארבעט פאר דעם אויפלעבן פון יידישן פאלק.

אונזער טיפסטן דאנק און הויכאכטונג דער עסטנישער מלוכה בראש מיט דעם מלוכה=פרעזידענט **קאנסטאנטין פּיעטס** פאר דער לאיאלער און מענטשלעכער באציאונג צו דעם יידישן מעוט און צו דער קולטור=זעלבסטפארוואלטונג.

צו דעם **10**=יאריקן יובל דערשיינט דער יובל=אלמאנאך, וועלכער באצוועקט צו געבן אן איבערבליק איבער דער באשיידענער טעטיקייט פון דער קולטור=זעלבסטפארוואלטונג. גלייכצייטיק אונטערשטרייכנדיק די באדייטונג פון דער קולטור=אווטאנאמיע אלס די פולקומענסטע און בכבודיגסטע רעפרעזענטאנץ פון דער יידישער מינדערהייט.



*Soovin Juudi Kultuuromavalitsusele edu ta tegevuses õnneks Eesti riigile ja juudi vähemusrahvuse vaimse elu korraldamisele.*

K. Eenpalu.
Siseminister.



*Haridusminister A. JAAKSON.*

Eesti Vabariigis on vähemusrahvustel võimalus asutada kultuuromavalitsusi ja kutsuda ellu vastavaid asutisi oma rahvuskultuurilistes huvides. See võimalus on kõrgesti hinnatav, sest iga rahvas tahab arendada oma vaimset elu ja luua kultuurilisi väärtusi ja kui see toimub rahvaste üldkultuurilistes huvides, siis ei võiks teised rahvad seda takistada.

Juudi vähemusrahvus Eestis on kasustanud seda võimalust ja asutanud kultuuromavalitsuse juba 10 a. tagasi ning kutsunud ellu koole, raamatukogusid ja teisi asutisi oma rahvuskultuurilistes huvides. Need asutised on edukalt töötanud aastate kestusel kooskõlas kehtivate seaduste ja kultuuriliste üldsihtidega.

Tervitades juudi vähemusrahvust ja tema kultuuromavalitsuse tegelasi kultuuromavalitsuse 10-aastase juubeli puhul, soovin palju edu edaspidisele tööle kultuurilistes püüetes.



**Eugen Maddisoo**. Siseministri abi.

3. juunil k. a. pühitseme haruldast juubelipäeva ja seda mitte ainult Eestis, vaid ka mujal pühitsetakse seda päeva ja nimelt seal, kus rahvusvähemused on võidelnud või veel võitlevad oma olemasolu eest, pühitseme juudi kultuuromavalitsuse 10-aastast sünnipäeva — seda ajaloolist päeva, mil juudi rahvus Eestis teostas temale ja kõigile teistele Eestis elavatele rahvusvähemustele Põhiseadusega ja selle alusel antud eriseadusega kindlustatud kultuuromavalitsuse, n. n. kultuurautonoomia.

Mitte alati ei ole suurrahvad need, kes sammuvad esirinnas, kes määravad suuna ja rajavad teid ning on eeskujuks teistele. Säärane au kuulub paljudel aladel ka väikerahvastele — eriti neil lahing- ja heitlusväljadel, kus nad on kannatanud, kus neil on tulnud väsimatult heidelda, on tulnud panna kaalule kõik, et rahvana mitte hävida, mitte surra. Eesti rahvas, olnud üheks rahvusvähemuseks suurel Venemaal, on käinud oma kannatustee ning mälestused sellest ei kustu ta mälust. Võitnud kätte iseseisvuse, loonud endale riigi ja kodu, muutunud ise enamusrahvuseks, ta kinnitas, et olgu tema kodu koduks ka temaga koos elunevaile rahvustele. Eesti ei tunne võitlust enamusrahva ja rahvusvähemuste vahel, seepärast ei ole ka Eestis ei võitjat ega kaotajat. Rahvusvähemused ei ole midagi kätte võitnud — neile ei ole ka midagi annetatud või kingitud. See, mis neile kuulub, nende poolt teostatakse, on loetud endastmõistetavaks, on lihtsalt tunnustatud kuuluvaks neile kui rahvusvähemustele. Ei ole kunagi Eestis olnud küsimust — kas anda või mitte, kas lubada või mitte, on olnud ainult küsimus, kuidas anda ehk kuidas kindlustada rahvusvähemuste põhiõigust, kuidas kindlustada neile kuuluvat õigust oma kultuurielu iseseisvale korraldamisele. Siin on küll olnud lahkarvamusi, erinevaid seisukohti, kuid mitte mõne rahvusvähemuse ja Eesti kui enamusrahvuse vahel, vaid enamusrahva enda seas, kuid ka need nii-öelda ainult stiililised kõrvalekaldumised olid kadunud, kui neid asus lahendama K. Päts — praegune Riigivanem, asus lahendama see mees, kes on alati olnud kohal, kui Eesti riiklikus elus on tekkinud vajadus juhi järgi, on tekkinud küsimused, kus sõna kuulus autoriteedile. Ei ole ühtki rahvusvähemustesse puutuvat tähtsamat akti või korraldust, milles ei tunduks K. Päts'i mõju, alates „Manifestist kõigile Eestimaa rahvastele", meie esimesest Põhiseadusest, millega kindlustati muuseas ka vabariigi piires elunevaile rahvusvähemustele — venelastele, sakslastele, rootslastele, juutidele ja teistele — nende rahvuskultuurilised autonoomiaõigused, ning lõpetades Vähemusrahvuste kultuuromavalitsuse seadusega, kannavad kõik tähendatud aktid ta isiku pitsatit.

Eesti on ühine kodu nii enamusrahvale kui ka ta kaaskodanikele — rahvusvähemustele. Ei ole vahet ei enamusrahva ja rahvusvähemuste ega ka rahvusvähemuste eneste vahel: Põhiseaduses kõigile kindlustatud üheõiguslikkuse ja ühetaolisuse põhimõte on leidnud kajastuse, kindla ja vankumatu teostamise ka tegelikus riiklikus elus. Seda tõendab ka järjekordne juubel — juudi kultuuromavalitsuse 10 aastane sünnipäev. Vaatamata riiklikus elus asetleidnud sündmustele, vaatamata tormilistele päevadele, vaatamata uuendatud Põhiseadusele, püsivad puutumatult kultuuromavalitsused, kes kahtlemata kasuks kultuuromavalitsust teostanud rahvusvähemustele (sakslastele ja juutidele) ning ühtlasi auks Eesti riiklusele.

Eesti on andnud eeskuju, on sammunud esirinnas, Eesti ootab, et temale järgnevad teised rahvad, mille meeldetuletamiseks olgu ka 3. juunil pühitsetav juubel.

Eesti, püüdes rahu poole, on kõigepealt kindlustanud rahu oma kodus, on kindlustanud seda seega, et on koondanud kõik Eestis elunevad rahvad üheks Eesti rahvaks, kuid seejuures kindlustades igaühele ta omapära — ta keele, usu ja kultuuri. Kindlustades seda, on Eesti tunnustanud rahvusvähemuste kultuuromavalitsust oma riikluse üheks nurgakiviks. Seega on 3. juunil pühitsetav juubel teatavas mõttes ka kogu Eesti rahva juubel.

## װי אזוי דער יידישער קבוץ אין עסטי האט אנגענומען
## די קולטור־אווטאנאמיע.

| Siseministri ettepanek 21 novembril 1925 a., Nr. 1185 | Vabariigi Valitsuse otsus 25 novembril 1925 a |
| --- | --- |
| 1. Kinnitada vähemusrahv. kultuur-omav. sead. § 21 põhjal Eesti Vabariigi juudi rahvuse esimese kultuur-nõukogu valimiste peakomitee esimeheks Maks Klompus't;<br>2. Kohtuministrile ülesandeks teha esineda kohtupalatis ettepanekuga määrata vähemusrahvuste kultuur-omav. seaduse § 21 ettenähtud esitaja tähendatud peakomiteesse;<br>3. Määrata sama paragrahvi (21) põhjal tähendatud peakomitee liikmeks Eugen Maddison.<br>4 Määrata sama seaduse § 17 märkus 1 ettenähtud esitajateks juudi rahvuse jaoks: Tallinna, Tartu ja Narva linnavalitsustesse — tähendatud linnade politseiülemad, maakonnavalitsustesse ja nendesse linnavalitsustesse kus maakonna politseiülemate asukohad—maakonna politseiülemad, teistesse linnavalitsustesse ja alevivalitsustesse—jaoskonna ülemad, kelle piirkonnas linna või alevi asukoht.<br><br>Einbund (allkiri)<br>SISEMINISTER | KINNITADA.<br><br>Riigivanem<br>(J. Jaakson).<br><br>Riigisekretäär<br>(K. Terras).<br><br>(Pitsas) |

פֿון אלע דעמאקראטישע מלוכות האט עסטלאנד די ערשטע געפּרוווט לייזן די נאציאנאלע פּראבּלעם דורכן אננעמען דעם געזעץ וועגן קולטורעלע זעלבּסטפארוואלטונגען פאר די נאציאנאלע מעוטים.

שוין דער עסטנישער עלטערסטן־ראט, ניט לאנג פאר דער דייטשער אָקופּאַציע, האט אנערקענט, אז די עסטנישע דעמאקראַטישע רעפּובּליק גאראנטירט די נאציאנאלע מעוטים: דייטשן, רוסן און שוועדן, דאס רעכט אויף נאציאנאלע אַווטאנאמיע. שפּעטער זיינען אין גרונט־געזעץ פון דער עסטנישער רעפּובּליק ארייַנגעטראגן געווארן §§ 20, 21, 22 און 23, אין וועלכע עס ווערט דעקלארירט פאלגנדע מעוטים־רעכט:

1) דאס רעכט אויף אַ פרייער זעלבּסט־בּאשטימונג פון נאציאנאַליטעט (§ 20).

2) דאס רעכט צו געבּרויכן די מינדערהייטס־שפּראכן אין זעלבּסט־פארוואלטונגס־אינסטיטוציעס (§ 22).

3) ס'ווערט דעקלארירט, אז די נאציאנאלע מעוטים, וועלכע לעבּן אין דער עסטנישער רעפּובּליק, קענען, כּדי אפצוהיטן זייערע נאציאנאלע קולטור און צדקה־אנשטאלטן, גרינדן אנטשפּרעכנדע אַווטאנאמיע אינסטיטוציעס (§ 21).

דעם 12 פעבּרואר 1925 י. האט דער פּארלאמענט אנגענומען דעם געזעץ וועגן קולטורעלע זעלבּסט־פארוואלטונג פון די נאציאנאלע מעוטים

(R. T. №31-33—21—II—1925)

אין דעם געזעץ איז געזאגט געווארן, אז אויפן סמך פון § 21 פון גרונטגעזעץ, ווערט די נאציאנאלע מעוטים געגעבּן די קולטורעלע אַווטאַנאמיע. לויט דעם געזעץ ווערן אנערקענט אלס מעוטים—די דייטשע, רוסישע און שוועדישע מינדערהייטן אַון אויך אנדערע אין עסטי לעבּנדע מינדערהייטן, די צאל פון וועלכע בּאטרעפט ניט ווייניקער ווי 3000 נפשות.

דער יידישער קבוץ אין עסטי האט מיט אינטערעס נאָכגעפאלגט די ווייטערדיקע אנטוויקלונג פון דער פראגע וועגן זעלבּסט־פארוואלטונג.

דער ראט פון יידישער געמיינדע אין עסטי (№ 37 — 1925) האט צוגעשיקט דעם פארזיצער פון Riigikogu פאלגנדן בּריוו:


*Luksuspaberossid*

MANON

*on juba aastaid väljaspool võistlust*

**Laferme**

„דאס יידנטום אין עסטי באגריסט אין אייער פערזאן דעם Riigikogu מיטן אננעמען פון געזעץ-פראיעקט וועגן קולטור-אווטאנאמיע.

דער יידישער מעוט פארצייכנט מיט אַ באזונדערע פרייד דעם היסטארישן פאקט, ווי אַ גרויסן שריט צו אַ פרידלעכן צוזאמענלעבן פון אלע נאציאנאליטעטן, וועלכע גייען אריין אין באשטאנד פון דער עסטנישער רעפובליק.

באגריסנדיק די נייע תקופה פון געזעלשאפטלעך-פאליטישן לעבן אין עסטי, ווינטשן מיר אונזער לאנד און דעם פארלאמענט, וועלכער האט דער ערשטער געגעבן אַ ביישפיל פון דער יושר׳דיקער לייזונג פון דער נאציאנאלער פראגע און נאציאנאליטעטן-שטאט Nationalitätenstaat, אַ ווייטערדיקע אויפבליאונג לטובת אלע בירגער פון עסטי.“

דעם 1-טן און 2-טן יוני 1925 י. איז פארגעקומען אין טאלין אַ צוזאמענפאר פון די יידישע געמיינדעס, אין וועלכע עס האבן זיך באטייליקט: פון טאלין — 20 פארשטייער, פון טארטו 11 פארשטייער, פון וואלק—1, פון נארוואַ 3 און פון ווערא—1 פאַרשטייער. דער צוזאמענפאר האט אנגענומען פאלגנדע רעזאליוציע:

„דער צוזאַמענפאר פון פארשטייער פון יידישע געמיינדעס אין עסטי האט איינשטימיק באשלאסן אינפארמירן די רעגירונג פון עסטי וועגן דעם ווונש פון עסטנישן יידנטום, פאַרווירקלעכן די רעכט פון מינדערהייט לויטן געזעץ פון קולטור-אווטאנאמיע, וועלכער איז אנגענומען געווארן דורכן פארלאמענט דעם 5—II—1925“ אנגעבן אזא מעלדונג דער רעגירונג ווערט באפולמעכטיקט דער פרעזידיום פון טאלינער יידישער געמיינדע-ראט.

דעם 29 אַווגוסט האט דער פרעזידיום אזא מעלדונג אנגעגעבן, נאר צוליב פארמעלע סיבות, (אנטייל אין צוזאמענפאר ניט-עסטנישע בורגער), איז די דעקלאראציע דורך דער רעגירונג איבערגעלאזט געווארן אן באטראכטונג (בריוו № 1185 פון 12—IX—1925). דעריבער איז באשלאָסן געווארן נאך אמאל צוזאמענרופן פארשטייער פון געמיינדעס. דער צוזאמענפאר איז פארגעקומען דעם 18 X. ער איז געווען שוין בעסער ארגאניזירט. יעדע געמיינדע האט געוויילט אירע פאַרשטייער. אנטייל האבן גענומען פון טאלין—4, פון טארטו—3, פערנווי—1, וויליאַנדי—1, נארוואַ—1, ראקווערע—1. דער צוזאמענפאר האַט אנגענומען דיזעלבע רעזאליוציע. דעם 19 נאוועמבער איז ווידער אנגעגעבן געווארן אַ דעקלאראציע דער רעגירונג, וועלכע איז באשטעטיקט געווארן דעם 23 נאוועמבער. גלייכצייטיק איז באשטימט געווארן אלס פארזיצער פון הויפט-וואל-קאמיטעט ד״ר מ. קלאמפוס. אויפן סמך פון § 17 פון געזעץ וועגן קולטור-אַווטאנאמיע איז די ארטיקע פאליציי פארפליכטעט אין משך. פון 3 וואכן צונויפשטעלן צעטלען פון די יידן—עסטנישע בירגער אויף די ערטער, ווי אויף די זעלבסט-פארוואלטונגען. די געמיינדעס האבן אויסגעוויילט פארשטייער, וועלכע זיינען אריין אין קאנטאקט מיט דער פאליציי און זעלבסט-פארוואלטונגען. דעם 14 מערץ איז פארגעקומען דער III צוזאמענפאר פון די פאַרשטייער פון די קהלה-ראטן, אויף וועלכן ס׳זיינען אנוועזנד געווען: פון טאלין — 4, טארטו—6, נארוואַ — 1, פערנווי—1 און אלס גאסט — האבינער מ. נוראק (פון לעטלאַנד).

פון די באריכטן פון די ערטער איז צו זען, אז אין אלע שטעט גייט די ארבעט פון צונויפשטעלן די ליסטעס פון די וואל-בארעכטיקטע, די שטימונג פון דער באפעלקערונג איז אן אינדיפערענטע און דעריבער האט דער צוזאמענפאר געווידמעט גרויס אויפמערקזאמקייט דער פראגע פון אגיטאציע און פראפאגאנדע. ראבינער נוראק האט געמעלדעט, אז ער פארשפרעכט אליין צו טאן, כדי די יידישע פרעסע אין לעטלאנד זאל ווידמען אויפמערקזאמקייט דער פראגע וועגן יידישע אווטאנאמיע אין עסטי. דער צוזאמענפאר האט באטראכט אלע פראגן, וועלכע זיינען פארבונדן מיט די וואלן און האט אויך באשטימט די צאל מיטגלידער פון קינפטיקן קילטור-ראט. ס׳זיינען אסיגנירט געווארן די נויטיקע געלט-מיטלען.

די ארבעט איז איבערגעגאנגען צום הויפט-וואל-קאמיטעט און ארטיקע וואל-קאמיטעטן, וועלכע האבן דערפירט דעם ענין ביזן סוף. דעם 25 און 26 מאי זיינען פארגעקומען די וואלן אין קולטור-ראט, און אויף זיין ערשטער זיצונג האט דער קולטור-ראט איינשטימיק באשלאסן צו פאַרווירקלעכן די קולטור-אווטאנאמיע.

דער יידישער קבוץ אין עסטי איז אריינגעטראַטן אין אַ נייעם פאזים פון אַרגאניזירונג.


פארזיכערט
אייער פארמעגז און
לעבן אין

„עקא“

Kindlustage
oma varandus ja
elu

„EKA's“



עם כל ישראל נתאבל על הלקח מאתנו

**רבה של התרבות העברית ונשיא הכבוד של ההסתדרות הציונית,**

הקורא לחרות־עם ובנין מולדת, זועק את זעקת ההצלה של כבוד ישראל ותקותו, הלוחם הכביר בעד רעיון אוטונומיה יהודית בארצות הגולה

# ר׳ נחום סוקולוב ז״ל

ההנהלה של האוטונומיה התרבותית ליהודי אסטיה.

# די דערעפענונג פון ו־טן קולטור־ראט
## 6. VI. 1926.

די דערעפענונג איז פארגעקומען דעם 6· VI 1926 אין זאל פון דער יידישער גימנאזיע, אויף וועלכער זיינען בייגעווען פארשטייער פון דער מלוכה, אלע מיטגלידער פון קולטור=ראט, פארשטייער פון אלע יידישע ארגאניזאציעס, פארשטייער פון דייטשע און רוסישע מעוטים.

דער פארזיצער פון הויפט וואל=קאמיטעט ד״ר קלאמפוס האט געעפנט דעם פייערלעכן אקט מיט א רעדע אין עברית און יידיש. אין זיין רעדע האט ער באדאנקט אין נאמען פון דער גאנצער יידישער באפעלקערונג אין עסטי די רעגירונג פון דער עסטנישער רעפובליק, דעם עסטנישן פארלאמענט און די גאנצע עסטנישע געזעלשאפטלעכקייט.

„די רעגירונג פון דער עסטנישער רעפובליק האט די ערשטע געוויזן דעם וועג פון צדק און יושר פון גערעכטער לייזונג פון דער נאציאנאלער פראגע אין א נאציאנאליטעטן מלוכה, זי האט די ערשטע געגעבן די מעגלעכקייט דעם יידישן מעוט אפילו אומבאדייטנד אין צאל, זיך ארגאניזירן אויף יסודות פון נאציאנאל=קולטורעלער זעלבסט=פארוואלטונג אנערקענט פון דער מלוכה=מאכט. דאס האט א באדייטונג אין דער געשיכטע פון דעם יידישן פאלק און אין דעם זין האט די קליינע עסטנישע דעמאקראטישע רעפובליק אריינגעטראגן איר נאמען מיט גאלדערנע אותיות אין דער געשיכטע פון מענטשלעכער קולטור און ציוויליזאציע“.

דער דעמאלטיקער אויסערן=מיניסטער Pjip האט באגריסט אין נאמען פון דער עסטנישער רעגירונג.

„Mulle on meeldivaks ülesandeks tehtud Vabariigi Valitsuse poolt juutide kultuurnõukogu tervitada ja õnne soovida. See on tähtis moment teie vana raassi okkalisel teel. Võib olla, jääb täna avatav kultuurnõukogu pikema aja kestel ainsaks nähtuseks, kuid ta näitab, et Eestile on rahvuslik sallimatus võõras. Meie vabaduse manifest oli läkitatud k õ i k i d e l e Eestimaa rahvastele. Juudid võivad jatkata oma hariduslikku tööd ja Eesti rahvas teeb kõik selleks, et neile kaasa aidata.

Elagu Vabariik, elagu rahvusnõukogu!“

„די רעגירונג האט מיר איבערגעבן דעם אנגענעמען אויפטראג צו באגריסן און גליק ווינטשן דעם יידישן קולטור=ראט. דאס איז א וויכטיקער מאמענט אויפן דארניקן וועג פון אייער ראסע. עס איז מעגליך, אז דער קולטור=ראט, וועלכער ווערט היינט געעפנט, וועט בלייבן אויף א לייגערע צייט אן איינציקע דערשיינונג, אבער זי וועט באווייזן, אז דעם עסטנישן פאלק איז פרעמד די נאציאנאלע אומטאלעראנץ. אונזער פרייהייטס=מאניפעסט איז געווען געווענדעט צו אלע פעלקער אין עסטלאנד. די יידן קענען ממשיך זיין זייער בילדונגס=ארבעט, און דאס עסטנישע פאלק וועט טאן אלץ, בכדי זיי צו העלפן.

זאל לעבן די רעפובליק!

זאל לעבן דער נאציאנאל=ראט!“

Riigikogu esimees A. REI.

Tänades austava kutse eest ja kahjatsedes, et mul võimalik ei ole juudi rahvuse kultuurnõukogu avamiskoosolekust osa võtta, soovin kultuurnõukogule tema kõrgete ülesannete teostamiseks rohkesti õnne ja edu.

א. ריי, פארזיצ. פון פארלאמענט.

דאנקנדיק פאר דער בערונג מיט דער איינלאדונג און באדויערנדיק, אז איך האב ניט די מעגלעכקייט אנטיילצונעמען אין דערעפענונג פון דעם יידישן קולטור=ראט, ווינטש איך דעם קולטור=ראט פיל גליק און דערפאלג ביי דער פארווירקליכונג פון זיינע הויכע אויפגאבן.

דער געהילף פון בילדונגס=מיניסטער. ה׳ מיקעלסאר האט צווישן אנדערעס געזאגט:

„Teie kultuurrikkus on meie kultuurrikkus. Ootame väärtuslikku kaastööd Eesti hariduspõllul. Õnn kaasa.“

אייער קולטור=רייכקייט איז אונזער קולטור=רייכקייט. מיר דערווארטן א ווערטפולע מיטארבעט אויפן באדן פון עסטנישער קולטור. מיט גליק!

דער פארשטייער פון די רוסן ה׳ גארשקאוו האט ארויסגעזאגט א האפנונג, אז ווען די רוסן וועלן אנגעמען די אויטאנאמיע, וועלן זיי געפינען א געמיינזאמע שפראך פאר צוזאמענארבעט.

מיט גרויס באגייסטערונג פון אלע אנוועזנדע איז אנגענומען געווארן די מעלדונג פון פארשטייער פון ציוניסטישע ארגאניזאציעס וועגן באשלוס אריינצושרייבן די עסטנישע רעפובליק אין ספר הזהב.

צו דער דערעפענונג זיינען אנגעקומען פיל באגריסונג טעלעגראמעס פון עסטי, פון פינלאנד, יידישער פראקציע פון ליטווישן סיים, לערער=פארבאנדן, שולן, רעדאקציעס פון יידישע צייטונגען, קהלות און אסך אנגעזעענע פערזענלעכקייטן.

Siseminister EINBUND.

Palun edasi anda minu südamlik tervitus Juudi Kultuuromavalitsuse nõukogu liigetele I nõukogu avamise puhul. Olen kindel Teie heas tahtmiseks teostada juudi vähemusrahvuse omavalitsuse kõrgeid ülesandeid Eesti riigi ja juudi vähemusrahvuse üldistes huvides.

Linnapea A. UESSON.

Tallinna linna omavalitsuse nimel tervitan Teie esimest kultuurnõukogu oma avamispäeval ning soovin edu eelseisvaks tööks.

L. JAFFE.

Sende herzlichsten Gruss, wünsche Beratungen vollen Erfolg, estnische Juden verbinden loyale Staatsbürgerliche Gesinnung mit Treue jüdischem Volke historischem lande nationaler Sprache. Jüdischer Kulturrat kann nur dann Bestand und Lebenskraft haben, wenn er mit den Zukunftsidealen und der Aufbauarbeit in Erezisrael verbunden ist Nationales Judentum erwirbt mustergültige Erfüllung Ihnen zugefallener historischer Aufgabe.

L. MOTZKIN.

Comité délégation juives salue chaleuresement minorité juive Esthonie occasion ouverture organe autonomie culturelle souhaite travail fruetueux, plus grand bien cause juive souhaite relations plus en plus étroites amicales avec majorité de l'etat lequel en accordant petite commEnaute juive pleine liberte developpement cujture nationale. Fit preuve haut, dégre civilisation profonde compréhension voies paix entre nations.

אום 5 אזייגער איז פארגעקומען די ערשטע זיצונג פון דעם קולטור-ראַט, וועלכע האט איינשטימיק באַשלאסן אנצונעמען די קולטור-זעלבסט-פארוואלטונג. דער געזעץ איז אריין אין קראפט, די יידישע באפעלקערונג איז געווארן אַ פול בארעכטיקטער ארגאַניזירטער מעוט און ס'האַט זיך אנגעהויבן אַ נייער פעריאד אין לעבן פון יידישן מעוט אין עסטי.

די צייטונגען האבן געווידמעט ארטיקלען דער פייערלעכער דערעפענונג פון קול.-ראט, אין דער פארשפרייטסטער עסטנישער צייטונג איז ערשינען אַן ארטיקל „Eesti juutide suurpäev“ דער טאג איז ווירקלעך געווען גרויס און וועט בלייבן אַ היסטארישע דאטע אין לעבן פון די עסטנישע יידן.

Aurujõul
Riidevärvimise,
Pleekimise ja
Apreteerimise
VABRIK

B. SCHOCHER & Ko.

TALLINN,

Jahu tän. 3-b, kõnetr. 468-35.

H. GUTKIN
INGLIS MAGASIN
TALLINN, VIRU 4
POSTKAST 272 · TEL. 436-46

Soovitab odavate hindadega
suurimas valikus

kodu- ja välismaa
riidekaupu

igasuguses headuses
ja erimustreis

# דער באשטאנד פון ו־טן קולטור־ראט.














ד״ר מ. קלאמפוס,
ד״ר ה. רובין,
מ. ראגאווסקי,
א. וואלף, ז״ל.

ג. אייזנשטאדט

א. טויב, ש. טאמארקין,
א. אזוואנסקי, ז״ל.

א. גירעוויטש,
ר. קלאמפוס,
ב. מארקאוויטש,
ל. קראפמאן, ז״ל.



מ. קאלאווסקי, ל. לעוויטין, ד"ה ב. מירוויץ, י. קראפמאן,
י. זאגאריע. ש. קריגמאן, ד"ר. ש. פאליקאווסקי, ד"ר מ. בראדאווסקי,
ד"ר א. לעווין, מ. גראדינסקי.


SUURIMA VALIKU
KÕIGIST HOOAJA
RIIDEKAUPADEST
LEIATE

KODUMAA VABRIKUTE RIIDEKAUPLUSEST

HERMAN RÕIVAS

TALLINN, ESTONIA PUIESTEE 11

TELEFON 304-80

# STANDARD

PETROOLEUM
BENSIINID
MÄÄRDEÕLID
NAFTA

## A.-S. EESTI PETROL

Tallinn, S. Karja 4, tel. 446-72

חבר הסוכנות היהודית לארץ ישראל

Membre'd Office Peumanent de

**l'AGENCE JUVIE POUR LA PALESTINE**

auprés de la Société des Nations



לכ' המועדה התרבותית של יהודי אסטוניה, טלין.

ד״ר נ. גולדמן

Eesti Vabariigi Juudi Kultuurautonoomia on õilsamaid aardeid, millega õnnetleti meid, Eesti Vabariigi jüute, pärast Vabadussõja rahulepingu sõlmimist ja mille osalised oleme ka praegu.

Peame konstateerima mitmete saavutuste kokkuvarisemist välismail viimaseil aastail, milliste saavutuste kindlustamine oli nõudnud suuri jõupingutusi esimestel maailmasõja järelaastail.

Enamikus mais pühendatakse üha vähem tähelepanu vähemusrahvaste õigustele, kohati koguni eitatakse neid avalikult.

Mõnes riigis on mindud nii kaugele, et jäetakse avalikult ja küüniliselt juudid ilma elementaarsemastki kodanikkude üheõiguslusest või surutakse need täielikult maha. Seda suurem peaks meil olema häämeel ja tänulikkus, et Eestis on korda läinud tegelikult juudi kultuurautonoomiat säilitada. Olen veendunud, et Eesti ei kahetse seda humaanset ja arukat poliitikat oma vähemusrahvaste suhtes.

Juudi kultuurautonoomia Eestis jääb juudi vähemusrahvusküsimuse eeskujulikus lahenduseks.

Jäägu see kultuurautonoomia püsima, ehitatagu seda kui eeskuju tulevastele aegadele, millal ka teised maad tunnustavad, et see vorm, kuidas lahendati Eesti vähemusrahvuste-küsimus, on ainuke õige ja püsiv, mitte üksi õigluse ja humaansuse seisukohalt, vaid ka reaalpoliitiliselt ja ühtlasi enamusrahvuste huvide seisukohalt.

האוטונומיה היהודית באסטיה היא אחד מהישגינו שהשגנו אחרי המלחמה העולמית ושערכה גדול עד היום. בשנים האהרונות הולכים ומתערערים יסודות זכויותינו האזרחיות, שקבלנו בעמל רב אחרי שלום ורסל. בשעה שברוב ארצות אירופה נפגמות זכויותיהם של עמי המעוט — באחדות מהן נשללות זכויותיהם האלמנטריות של היהודים בגלו, ובחצפה יתרה, ובאחרות מהן נחתרת חתירה מתחת ליסודותינו — עלינו להכיר בשביעת רצון ובהכרת תודה מיוחדת את העובדה, שאסטיה יודעת לשמר על האוטונומיה היהודית בצורתה המלאה. מובטחני בי, שממשלת אסטיה אינה מתחרטת כלל על יחסה ההומני ועל הזכויות, שהעניקה לעמי המעוט. ההתעללות בעמי המעוט והעול הנעשה להם, מתנקמים במשך הזמן גם בעמי הרוב.

תעמד האוטונומיה היהודית באסטיה ותשמש מופת בעתיד לפתרון שאלת המעוטים בכלל, עד שיכירו גם שאר העמים, כי רק אוטונומיה לאומית היא הצורה המתאימה והיציבה לפתר את שאלת עמי המעוט, לא רק מתוך נקודת השקפה הומנית — מוסרית, אלא גם מתוך נקודת השקפה פוליטית — ריאלית של עמי הרוב.

די יידישע אווטאנאמיע אין עסטי איז איינע פון ניט פילע דערגרייכונגען וועלכע מיר האבן אין דער נאך מלחמה=צייט לויט דעם שלום=אפמאך וועמעס באדייטונג איז נאך גרויס היינט. מיר מוזן קאנסטאטירן. אז אין די לעצטע יארן זיינען צונישט געווארן אלע דערגרייכונגען וועלכע זיינען מיט אזוי פיל אנשטרענגונג אויסגעקעמפט געווארן אין דעם פעריאד פון דער נאך מלחמה=צייט. אין דעם גרעסטן טייל לענדער ווערן די רעכט פון די נאציאנאל=מעוטים פארקלענערט, טיילווייז, עפענטלעך אפגעלייקנט, אין אנדערע לענדער איז מען אזוי וויט דערגאנגען, אז מען שאפט אפ אפן און ציניש די עלעמענטארסטע גלייכבארעכטיקונג פון די יידן אדער פאקטיש אונטערגראבט מען די יסודות אירע. דעריבער מוזן מיר מיט גרויס באפרידיקונג און דאנקבארקייט אנערקענען דעם פאקט וואס אין עסטי איז געלונגען איינצוהאלטן די אמת'ע יידישע קולטור=אווטאנאמיע.

איך בין איבערצייגט, אז עסטי באדויערט ניט די הומאנע און קלוגע פאליטיק בנוגע אירע מינאריטעטן. אין משך פון דער צייט רופט זיך אפ די אומגערעכטיקייט און אונטערדריקונג פון די מינאריטעטן אויף דעם מאיאריטעט=גופא.

דער ביישפיל פון דער יידישער קולטורעלער אווטאנאמיע אין עסטי בלייבט ווי א מוסטער פון רעגולירן די יידישע מינאריטעט=פראגע בפרט און מינאריטעטן=פראגע בכלל.

זאל די קולטור=אווטאנאמיע ווערן איינגעהאלטן און אויפגעבויט אלס א מוסטער פאר די קינפטיקע צייטן, און וועלכע אויך אנדערע לענדער וועלן אנערקענען, אז די פארם, ווי עס איז געלייזט געווארן די מינאריטעטן=פראגע אין עסטי, איז די איינציקע ריכטיקע און דויערהאפטע ניט נאר פון שטאנדפונקט פון יושר און הומאניזם, נאר אויך פון דער גוט=פארשטאנענע רעאל=פאליטיק און אינטערעסן פון מאיאריטעטס=פעלקער.

פרופסור ד״ר משה שור, ורשה.

## לככוד הנהלת המועצה התרבותית של יהודי אסטוניה·

לשמחה היא לי הבשורה הטובה על דבר היובל העשירי של מוסד האוטונואיה התרבותית ליהודי אסטוניה.

מכיר אני ומעריך את פעולתכם החשובה במקצועות שוגים של סיי התרבות העברית וחנוך הדור הצעיר. הודות לשלטון העצמי אשר זכיתם לו וגם טפחתם ורביתם אותו והפחתם בו רוח חיים בעבודה מלאת מסירות נפש אמתית.

לדאבוני אינני יכל למלא את בקשתכם להשתתף בקבץ הספרות, שאתם מכינים לכבוד היובל. מסופקני גם כן אם יעלה בידי להשתתף בשמחת חגיגתכם פנים אל פנים.

אבל אם גם אהיה רחוק מכם במקום, בלבי ונפשי אהיה קרוב לכם ולשמחתכם בחג היובל, שהוא יהיה חג לכל הקהל העברי בתפוצות הגולה, השואף לגאולה ולתחית הרוח.

הנני מוקיככם המברך אתכם בברכת תחית התרבות העברית והתחדשותה.

---

נתן ביסטריצקי, ירושלים.

להנהלת האוטונומיה התרבותית היהודית בטלין.

אדונים נעלים מאד!

קבלתי את מכתבכם הנכבד בענין המאמר שאתם מבקשים ממני בשביל הקיבץ שאתם עומדים להוציא לאור ליובל העשירי של האוטונומיה התרבותית ליהודי אסטיה.

אין אני צריך לומר לכם עד כמה יקר לי עיקר האוטונומיה של היהודים בתפוצות ועל אחת כמה וכמה האוטונומיה למעשה שנשארה עכשיו כמדומה אך ורק בארצכם. אילו היה סיפק בידי הייתי נענה לכם ברצון ושולח לכם דברי הערכה על הנושא הזה. אולם פניתם אלי במאוחר. אני נאלץ, איפוא להסתפק בדברי הוקרה הטופים אלה לרעיון האוטונומיה התרבותית באסטיה שנשארה לנו כשארית נחמה בתפוצות ישראל.


געגנזייטיקע פארזיכערונגס-געזעלשאפט

„קאטקאס"

Tallinn, S. Roosikrantsi 19.

Telef. 441-63



די קולטור־פארוואלטונג אין II־טן קולטור־ראט.

# די יידישע קלוטור־אווטאנאמיע אין עסטי.

**ג. אייזנשטאדט.** פארזיצער פון קולטור־פארוואלטונג.

מיט 10 יאר צוריק האט דער פארלאמענט פון דער עסטנישער מלוכה אנגענומען דעם געזעץ, וועגן די קולטור-זעלבסטפארוואלטונגען פאר די נאציאנאלע מעוטים אין דער עסטנישער רעפובליק.

די יידישע געזעלשאפטלעכקייט, וועלכע, ניט זייענדיק פארטראטן אין פארלאמענט, האט אנגענומען אן אינדערעקטן אנטייל אין דעם קאמף פאר דער קולטור-אווטאנאמיע, האט דאמאלסט דורך אירע פארטרעטער פייערלעך, איינשטימיק באשלאסן, זיך צו באנוצן מיט דאס רעכט, וועלכע דאס געזעץ גיט דעם יידישן מעוט און ארגאניזירן זיך אין א קולטורעל-אווטאנאם-נאציאנאלע איינהייט.

א דאנק פארשידענע אביעקטיווע היסטארישע סיבות איז דער פרינציפ פון מעוטים זעלבסט-פארוואלטונג, וועלכער איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע און שענסטע פרינציפן, וועלכע די נאכקריגס טראקטאטן האבן פראקלאמירט, ליידער, ביז איצט ניט מקוים געווארן. די רעכטלעכע לאגע פון די יידישע מאסן, איז ווען ניט אפיציעל, אבער פאקטיש, ניט א נאר פארבעסערט נאר פארערגערט געווארן.

אין די לענדער, ווו פאר אייניקע יארן זיינען נאך געווען שפורן פון זעלבסטפארוואלטונג סימנים, געפינט זיך איצט די יידישע באפעלקערונג כמעט אין א רעכטלאזן צושטאנד. די גרויסע האפנונגען, וועלכע זיינען געלייגט געווארן אויפן פעלקער-בונד אויף די מינדערהייטס-קאנגרעסן א. א. וו. זיינען ניט פארווירקלעכט געווארן. יידישע מאסן געפינען זיך אין מערערע לענדער אויף דעם גרענעץ פון תהום אן אויסזיכטן אויף א בעסערע און ליכטיקערע צוקונפט.

די געשיכטע האט געוואלט, אז דער צאל אונבאדייטנדער יידישער מעוט אין עסטי זאל באקומען די מעגלעכקייט צו פארווירקלעכן אין לעבן אין משך פון 10 יאר די פרינציפן פון מעוטים-זעלבסטפארוואלטונג.

דעם גרעסטן דאנק און די גרעסטע אכטונג דארף ביי דער געלעגנהייט ארויסגעזאגט ווערן דעם עסטנישן פאלק, דער עסטנישער מלוכה, בראש מיט דעם אלטן שטאאטסמאן, מלוכה-פרעזידענט ק. פיעטס.

ארגאניזירנדיק זיך פאר 10 יארן אויף די יסודות פון קולטורעלער-זעלבסטפארוואלטונג האט די יידישע געזעלשאפטלעכקייט און אירע פאראנטווארטלעכע פירער שוין דאמאלסט געזען פאר זיך ניט א נאר דעם יידישן קיבוץ אין עסטי, נאר זיי האבן באצוועקט און געהאפט, אז דער היסטארישער ביישפיל פון דער עסטנישער מלוכה און די ארגאניזאציאנס-פרינציפן פון דעם יידישן מעוט אין עסטי וועלן דינען אלס מוסטער פאר אנדערע מלוכות אין וועלכע עס לעבן גרויסע יידישע מאסן, ליידער זיינען אונזערע האפנונגען ביז איצט ניט מקוים געווארן. די געשיכטע האט אבער איר לעצטן ווארט נאך ניט געזאגט און ווער ווייס, פיליכט וועט דער פאקט פון דער 10 יאריקער עקסיסטענץ פון דער קולטור-אווטאנאמיע אין עסטי אויסאיבן די היסטארישע השפעה, ניט נאר פאר דער יידישער געמיינשאפט אין עסטי, נאר פאר אונזערע גרעסערע יידישע קבוצים אין דער וועלט, אין דעם זין וועט פיליכט די עסטנישע מלוכה און דער יידישער קבוץ אין עסטי ארייננשרייבן א באשיידענעם בלאט אין דער וועלט-געשיכטע און אין דער געשיכטע פון יידישן פאלק.

אננעמענדיק פאר 10 יאר דעם באשלוס וועגן ארגאניזירן זיך אויף קולטורעל-אווטאנאמע יסודות, איז געווען פאר דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט שוין דאמאלסט קלאר, אז עס שטייט פאר זייער א שווערע ארבעט. די יידישע באפעלקערונג אין עסטי, לעבנדיק פאר דער רוסישער רעוואליוציע מחוץ דעם יידישן תחום פון געוועזענעם צארישן רוסלאנד, האט ניט דורכגעמאכט דעם נאציאנאל-געזעלשאפטלעכן און יידיש-רעוואליוציאנערן „שטורם און דראנג" פעריאד וועלכן עס האבן דורכגעמאכט די גרויסע יידישע קבוצים אין תחום.

די טראדיציע, די פאלקס-טימלעכקייט, די קולטור, דער פולסירנדיקער טעמפ פון דער נאציאנאלער און אויך סאציאליסטישער יידישער באוועגונג האט דא געפעלט,

ווייניקסטנס ניט געלאזן אזוינע טיפע ווארצלען, ווי אין דעם יידישן תחום.

פאר דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט איז געשטאנען די אויפגאבע צו רעוואליוציאניזירן דעם נאציאנאל-קולטורעלן פרצוף פון דעם יידישן מעוט אין עסטי אויף פארשידענע געביטן און אויסבילדן א נאציאנאל-קולטורעלע איינהייט אין נאציאנאל-פראגרעסיוון זין פון דעם ווארט.

עס שטייען הינטער אונז 10 זייער שווערע יארן, יארן פון אונער־מידלעכער, שווערער ארבעט פון שווערע אינערלעכע, אפט זייער איבערטריבענע קאמפן, יארן פון אנגעשטרענגטער ארבעט פאר פארווירקלעכונג און פארפאלקאמונג פון די פרינציפן פון קולטור-אליינפארוואלטונג.

דער פאקט אליין, אז ניט קוקנדיק אויף פארשידענע מניעות, שטערונגען און ספעציפישע סיטואציעס, אין וועלכער עס לעבט דער יידישער מעוט צאלמעסיק אונבאדייטנד, האט דער יידישער קבוץ אין עסטי דאך דערלעבט צו פייערן די 10 יאריקע עקסיסטענץ פון דער קולטור-אווטאנאמיע, זאגט שוין פאר זיך אליין, אז אונזער יידישער קבוץ איז אין משך פון די 10 יאר געווארן נאציאנאל-רייפער און אויסגעוואקסן אין א נאציאנאל-פאליטישע ווירדיקע איינהייט.

אין פארשידענע מאמענטן פון אונזערע באציאונגען, סיי מיט דער אויסערער יידישער וועלט, און סיי מיט די פארשטייער פון דער עסטנישער מלוכה האט די קולטור-זעלבסטפארוואלטונג רעפרעזענטירט, א זיך-זעלבסטאכטנדיקע, נאציאנאל-באוווסטזיניקע יידישע געמיינשאפט.

זאל אויפן שוועל פון א נייער 10 יאריקער תקופה פעסט אויפגעהאלטן ווערן אונזער נאציאנאל-פאליטישע דערגרייכונג. דער יידישער קבוץ אין עסטי זאל ווייטער מיט דעם טאקט, פון נאציאנאלער זעלבסטווירדע און מיט דעם געפיל פון א טיפן ווונש פון א בעסערער צוקונפט פאר דעם יידישן פאלק זיין פארטראטן, אלס א זיך זעלבסטפארוואלטנדיקע קולטור-נאציאנאלע איינהייט.

אין דער דערציאונג פון דער נאציאנאלער יוגנט, וועלכע אלס גוטע און טרייע בירגער פון זייער לאנד און נאציאנאלע יידן באהעפט מיט דער רייכער יידישער קולטור — און אין די אויפלעבונגס יידייען פון יידישן פאלק — האט די ק.-זעלבסטפארוואלט. געזען איר וויכטיקסטע אויפגאבן אין משך פון די 10 יאר. די גרעסטע אויפמערקזאמקייט דעריבער איז געווען געווידמעט דער אויסהאלטונג און דער פארפאלקאמענונג פון דעם יידישן שול-וועזן. וועגן דעם שפראכן קאמף, וועלכער הערשט, ליידער, אויף דער יידישער גאס, איז די ארבעט צום באדויערן ניט געווען קיין לייכטע. די אסימילאטארישע טענדענצן, וועלכע האבן געלאזן טיפע ווארצלען נאך פון די אלטע צייטן, האבן נאך מער פארשווערט די ארבעט. ניט קוקנדיק אבער אויף די שטענדיקע שוועריקייטן איז עס דאך געלונגען אין די ראמען פון די באשרענקטע מעגלעכקייטן צו שאפן א באשיידענעם יידישן שול-וועזן א דאנק וועלכן איבער 200 קינדער באקומען אן יידישע נאציאנאלע דערציאונג אין יידישע און וועלטלעכע ידיעות. די ארבעט פאר דעם יידישן שול-וועזן איז נאך ניט פארענדיקט, עס שטייען נאך פאר שווערע צייטן, אבער עס איז צו האפן, אז דער גייסט פון דער צייט וועט ארגאניש באקעמפן אלע אומגעזונטע דערשיינונגען און וועט העלפן צו פארפעסטיקן דעם באשיידענעם אנהויב פון אונזער יידישן שול-וועזן.

שווער איז די לאגע פון דער אויסוואקסנדיקער יוגנט אין די פראווינץ שטעט, ווו וועגן דעם גאר קליינעם צאל קינדער איז אונמעגלעך אויסצוהאלטן יידישע שולן.

די קולטור-פארוואלטונג האט אין משך פון די 10 יאר געזען אויך פאר איר וויכטיקסטע אויפגאבע צו געבן די מעגלעכקייט אויך די קינדער אין דער פראווינץ, וועלכע זיינען געצוווּנגען צו באזוכן פרעמדע שולן, צו באקומען ווייניגסטנס די עלעמענטארסטע ידיעות פון יידישן וויסן. די אויפגאבע איז צוליב אסך טעמים געווען זייער א שווערע. עס איז שווער געווען צוצופאסן פארשידענע קינדער פון פארשידענעם עלטער צו אן איינהייטלעכער פראגראם, עס איז שווער געווען אנצושטרענגען די קינדער אין די נאכמיטאגס-שטונדן מיט דעם אונטעריכט פון יידישע לימודים, עס איז ניט לייכט געווען צו בויען דעם אויסערשול אונטעריכט אויף פרייוויליקע יסודות. עס איז שווער געווען צו באקומען פאסנדע לערער-כוחות, ניט קוקנדיק אויף אלע שוועריקייטן האבן אין משך פון די 10 יאר אונגעפער 300 קינדער געהאט די מעגלעכקייט, א דאנק דער אקטיווער אונטערשטיצונג מצד דער קולטור-זעלבסטפארוואלטונג צו באקומען כאטש עלעמענטארע ידיעות אין דער העברעאישער און יידישער שפראך, יידישע געשיכטע און ליטעראטור.

באשיידן איז די ארבעט פון דער ק.-זעלבסטפארוואלטונג אויף דעם געביט פון דער ערציאונג און אויפהייבונג פון דעם קולטורעלן און נאציאנאלן ניווא פון דער יוגנט.

עס איז אבער געלייגט געווארן דער פונדאמענט און עס איז די אויפגאבע אין דער ווייטערדיקער תקופה דעם בנין פון דעם שול-וועזן אויסצובויען און צופארפעסטיקן.

צוליב פאליטישע און אנדערע טעמים זיינען אין משך פון די 10 יאר אנגענומען געווארן פארשידענע שריט, כדי אויסצובילדן יידישע לערער עסטנישע בירגער, דאס איז ביז דער לעצטער צייט, ליידער געלונגען אין א זייער באשרענקטער מאס, דער ענין איז זייער וויכטיק און אויף דעם וועט מוזן געלייגט ווערן די גרעסטע אויפמערקזאמקייט.

צוליב פארשידענע טעמים איז מעגלעך געווען אין משך פון די פארגאנגענע 10 יאר צו אנטוויקלען א גאנץ באשיידענע טעטיקייט אויף דעם קולטורעלן געביט. פארשידענע פרווון זיינען ניט געלונגען. די ארעמקייט אין ארטיקע קולטורעלע כוחות, דער מאנגל אין מאטעריעלע מיטלען, די פארטעאישע צערשפליטערונג, האבן תמיד געשטערט אויסצופילן די פארשידנארטיקע פלענער, וועלכע זיינען אויף דעם געביט פון קולטור-ארבייט געמאכט ניט קוקנדיק אויף די אלע שוועריקייטן זיינען באזונדערס אין די פראווינץ-שטעט אין משך פון 10 יאר איינגעארדנט געווארן פארשידענע לעקציעס, רעפעראטן א. א. וו., וועלכע האבן דירעקט און אינדירעקט מיטגעהאלפן צו הויבן דעם קולטורעלן ניווא פון דער יידישער באפעלקערונג.

דער באשיידענער אנהויב דארף אין דער נייסטער תקופה פיל מער פארברייטערט ווערן. אן ענגע צוזאמענארבעט מיט די קולטורעלע פאריינען, א זאמלונג פון אלע כוחות, אונאפהענגיק פון אידעאלאגישער און פארטיי צוגעהעריקייט, ארום דער קולטור-פארוואלטונג, וועט העלפן אויפצוהויבן אויף א העכערע מדרגה דעם יידישן קולטורעלן ניווא פון דער באפעלקערונג.

אין אנפאנג און אין די ערשטע יארן פון דער טעטיקייט פון דער קולטור-זעלבסטפארוואלטונג האבן זיך די פינאנסן געפונען אין א גאנץ כאאטישן צושטאנד. עס איז נויטיק געווען א לאנגע, שווערע און מיזאמע ארבעט, כדי צו ברענגען דאס פינאנס-וועזן צו א נארמאלן מצב, עס איז נויטיק געווען א לאנגיאריקע אויפקלערונגס אין דערציאונגס

ארבעט אויף דעם געביט פון אונזער שטייער=סיסטעם, ניט קוקנדיק אויף אלע פארשידענע שוועריקייטן קען מיט גרויסער גענוגטואונגס צופרידנהייט קאנסטאטירט ווערן, אז דער פינאנסיעלער מצב פון דער קולטור=זעלבסטפארוואלטונג געפינט זיך אויפן וועג פון פולשטענדיקער סאנירונג. די קאנצעטרירונג פון אלע כוחות ארום דער קולטור=זעלבסטפארוואלטונג און דער טיפער באוווסטזיין פון דער גרויסער פאליטישער נאציאנאלער באדייטונג פון דער קולטור=אווטאנאמיע וועט האפנטלעך אין דער נייסטער תקופה נאך געזינטערער מאכן די פינאנסיעלע יסודות, וועלכע וועלן דערמעגלעכן א ווייטערע פרוכטבארע טעטיקייט.

עס קומט לײדער אפט אויסצוהערן קריטישע באמערקונגען וועגן דעם עצם זין פון קולטור=אווטאנאמיע פאר דעם יידישן מעוט אין עסטי, אזעלכע באמערקונגען שטא=מען אפט פון באוווסטזיניקן און אונבאוווסטזיניקן אסימילאטארישן צוגאנג צו די נייע לעבנספראבלעמען פון דעם יידישן פאלק, אפט שטאמען זיי פון אן אונפאראנטווארטלעכע בייזוויליקע צערשטערונגס טענדענצן, אפט פון דער ספעציפיש=יידישער ביטל=פסיכאלאגיע.

די קולטור=אווטאנאמיע איז היינט פאר דעם עסטנישן יידנטום א נאצ־אנאל=פאליטישער פאקטאר פון גרויסער באדייטונג, אין משך פון די 10 יאר איז געלייגט געווארן דער פונדאמענט, עס איז דער הייליקסטער חוב אין דער ווייטערדיקער תקופה דעם בנין פון קולטור=אווטאנאמיע צופארגרעסערן און פארשענערן, דאס פארלאנגען ביי היינטיקן טאג די אינטערעסן און דער כבוד פון דעם עסטנישן אידנטום און פון דעם יידישן פאלק.


**Speditsioon- ja transportühing**

**„Esra"**

**Kõnetraat:**
**Linnakontor 448-12**
**Tollimaja 459-97**

**Vene tän. 6**

**Speditsioon**
**Kinnitus**

**Tallinna Juudi Ühispank**

**Vene, 6. Tel. 448-26**

**Toimetab kõiki pangaoperatsioone sise- ja välismaal.**

**Speditsioon, transport ja kindlustamine.**



## J. Grüntal.

Koolinõunik.

Eesti rahvas tahtis jagada võidetud vabadust oma teistest rahvustest kaaskodanikega. Eesti rahvas oli ise olnud võõra ikke all ja tahtis, et iga tema kaaskodanik võiks ülimalt kasustada vabadust oma rahvusliku elu korraldamisel: 11 aastat tagasi eesti rahvas andis Vähemusrahvuste kultuuromavalitsuse seaduse.

Juudi rahvusest kaaskodanikud ei kartnud ainelisi ega muid raskusi ja vaimustusega asusid oma kultuuromavalitsuse ehitamisele, seega justkui eraldudes kogu rahvast, aga tegelikult aina tugevamalt liitudes Eesti omariiklusega.

Juudi kultuuromavalitsus on 10. aasta jooksul palju teinud — asutanud ja pidanud ülal koole, ehitanud suure koolimaja, asunud oma õpetajate ettevalmistamisele. Kuid teha on veelgi.

Käesoleva juubeli puhul tahaksin soovida juudi kultuuromavalitsusele rahvuskeele raske küsimuse õiget, tarka ning head lahendamist ja juudi seltskonnale — palju ohvrimeelsust ja tahet juudi kultuurasutiste õitseleviimiseks.

## P. Mägraken.

Haridusministeeriumi Koolivalitsuse direktor.

Juudi vähemusrahvuse kultuuromavalitsusel on olnud ületada oma koolide korraldamise alal suuri raskusi, kuid tänu tema juhatuse kindlakskujunenud seisukohale, mille teostamisel ta julgesti sammub, võib loota, et ta neist raskustest üle saab ja loob kooli, mis vastab juutide omapärale ja valmistab ette kasulikke kodanikke meie ühiskonnale. Selle sihi saavutamiseks soovin juudi vähemusrahvuse kultuuromavalitsusele tema juubeli puhul jõudu.

---



## J. KENTS

Tallinna Linnavalitsuse Haridusosakonna juhataja.

Ainult riigi sisemine tugevus suudab tagada Eesti kodanikkude hüvede maksimaalset rahuldamist. Riigi sisemise tugevuse pandiks on aga kõigi kodanikkude, vaatamata rahvusele, ühtlassuunaline tegevus ja mentaliteet. Selles mõttes soovin 10-aastase juubeli puhul Eesti juudi kultuuromavalitsusele õnne ja edu edaspidiseks tegevuseks.

**ש. גוריז** — דירעקטאר פון די טאלינער יידישע שולן.

# די קולטור־אווטאנאמיע און דער שול־וועזן



טאלינער יידישע גימנאזיע.

### די שול ־ פראגן פאר די וואלן אין I קולטור־ראט.

איינע פון די וויכטיגסטע אויפגאבע פון דער קולטור=זעלבסטפארוואלטונג איז די ארגאניזירונג, פארוואלטונג און אויפזיכט איבער די עפנטלעכע און פריוואטע שולן פון דעם מעוט, אין וועלכע די אונטערריכט=שפראך **איז די נאציאנאלע.**

דער אנהויב פון דער אווטאנאמיע איז אַ נייע תקופה אין יידישן שול=וועזן. פאר 1926 י. האבן עקסיסטירט 2 שולן: אין טארטו—א גרונטשול מיט דער יידישער אונטערריכטס=שפראך, אין טאלין—אַ גרונט און מיטלשול—אין דער רוסישער שפראך. אין די אנדערע שטעט האבן קיין שולן נית עקסיסטירט, די קינדער האבן באזוכט פרעמדע שולן, זייער נאציאנאלע דערציונג א'ז באשטאנען נאר אין דעם, וואס זיי פלעגן אויסער דער שול זיך גרייטן צו בר=מצוה.

די קולטור=אווטאנאמיע האט אוועקגעשטעלט די פראגע וועגן שאפן אַ נאציאנאלן שול=וועזן. אמשווערסטן איז געווען צו לייזן די פראגע וועגן טאלינער שול. די אויפרופן צו די וויילער צום I קולטור=ראט ווייזן, אז ס'זיינען געווען 3 שטרעמונגען. די ציוניסטן זיינען ארויס מיט פאלגנדע פאדערונגען אין דער שול=פראגע:

א) עברית, די שפראך, אין וועלכע זיינען געשאפן געווארן אונזערע גרויסע קולטורעלע אוצרות, די שפראך פון דער נאציאנאלער אויפלעבונג אין גלות און אין ארץ=ישראל זאל זיין די אונטערריכטס=שפראך.

ב) פאר יידיש מוז אפגעגעבן ווערן א בכבודיקער ארט אלס לערן=געגנשטאנד. דארום דארף די טאלינער שול בהדרגהדיק איבערגיין אויף עברית. די יידישיסטן זיינען ארויס מיט דער פאדערונג, אז די אונטעריכט=שפראך זאל זיין יידיש, אבער די שול דארף געבן ידיעות אין דער העברעאישער שפראך און דערלערונג פון דער אלטער יידישער קולטור, וואס געפינען זיך אין העברעאיש.

די אומפארטייאישע, „פילנדיק די גאנצע ערנסטקייט פון דער אחריות, וואס ליגט אויף זיי", רעכענען, אז די שפראכנפראגע דארף געלייזט ווערן דורך אַ פאלקס אפשטימונג, דער איבערבוי פון אונזער שול=וועזן דארף פארקומען בהדרגה, צופאסנדיק זיך צו די רעאלע באדינגונגען פון אונזער יידישער באפעלקערונג.

### דער באשלוס פון I קולטור־ראט וועגן אונטער־ריכט־שפראך אין די שולן.

אויף דער ערשטער זיצונג פון קולטור=ראט איז אוועקגעשטעלט געווארן די פראגע וועגן אונטעריכט=שפראך אין די שולן. דער קולטור=ראט האט באשלאסן, אז די אונטעריכט=שפראך דארף זיין עברית.

עס הויבט זיך אָן א לאנגער קאַמף צווישן די ציוניסטן און יידישיסטן, וודלכער איז געווען זייער שווער פאר דער טאלינער שול און פאר דער געזעלשאפט. דער פּהווו צו געפינען א קאָמפּראמיס אין הינזיכט פון שאפן אַ סינטעטישע שול האט זיך נית איינגעגעבן. ס'איז אויך נית געלונגען די פראגע צו ענטשיידן דורכן שאפן פון פאראלעלע קלאסן; צוליב מאטעריעלע סיבות, רוים=באדינגונגען און קליינעם צאל פון שילער. צום באדויערן שטייען מיר נאך יעצט פאר א קאמף, וועלכער איז באזונדער שווער, ווייל ס'איז אוממעגלעך, אז 2 שולן זאלן אין טאלין עקסיסטירן.

### דאס איבערגיין פון די שולן אין רשות פון דער קולט.־פארוו.

אויפן סמך פון געזעץ וועגן קולטור=זעלבסט=פארוואלטונג זיינען די שולן איבערגעגאנגען אין רשות פון דער קולטור=פארוואלטונג.

דעם 18 יאנואר 1927 י. איז פארגעקומען דער אקט וועגן איבערגעבן די טאלינער יידישע שול אין רשות פון דער יידישער קולטור=פארוואלטונג, וועלכע האט אַ היסטארישע וויכטיגע באדייטונג.

דעם 18=טן יאנוואר 1927 יאר האט די טאלינער שטעטישע שול=פארוואלטונג אפן סמך פון דעם בריוו פון בילדונגס=מיניסטעריום שול=אמט דעם 10 דעקאבר 1926 יאר נר. 24568 איבערגעבן דער שול=פאר־וואלטונג פון דער יידישער נאציאנאלער קולטור=זעלבסטפארוואלטונג פאל=גענדע שולן:

1. די טאלינער יידישע פריוואטע פאראייניקטע גימ=נאזיע און

2. די טאלינער יידישע פריוואטע גרונטשול.

צוזאמען מיט דעם בריוו אויסטויש בנוגע די דאזיקע שולן, נעמלעך:

1. דעם אלגעמיינעם בריוו אויסשטויש פון דער יידישער פריוואטער גימנאזיע נר. 103, 75 זייטן.

2. דעם בריוו אויסטויש פון דער יידישער פריוואטער גימנאזיע בנוגע דעם רעגיסטרירן פון די לערער. נר. 103, 166 זייטן, און

3. דעם אלגעמיינעם בריוו אויסטויש פון דער פרי=וואטער יידישער גרונטשול נר. 122, 283 זייטן.

איבערגעגעבן: א. ווײַדערמאַן (אונטערשריפט)
לייטער פון דער טאלינער שטעטישער שול=פארוואלטונג.

עמפאנגען: א. גורעוויטש (אונטערשריפט)
פארשטייער פון דער שול=פארוואלטונג פון דער יידישער קולטור=זעלבסטפארוואלטונג.

דעם 3 פעברואַר 1927 י. האט די דארפאטער שטעטישע שול=פארוואלטונג איבערגעגעבן דעם מיטלשול=קלאס פון דארפאטער יידישער שול אין רשות פון דער קולטור=פארוואלטונג.

אלס שול=יועץ איז אויסגעוויילט געווארן א. גורעוויטש.

**נאציאנאליזירונג פון די שולן.**

דער שול=וועזן האט זיך אנגעהויבן צו אנטוויקלען אין נאציאנאלן זין. אין 1926 י. איז געעפנט געווארן אין טאלין דער ערשטער קלאס אין עברית.



דער ערשטער קלאס אין עברית

דאס האט געמאכט א גרויסע איבערקערעניש אין לעבן פון שול. די געפאר, אז די עלטערן וועלן ניט אפגעבן זייערע קינדער אין נאַציאַנאליזירטן קלאס, האט זיך ניט באַרעכטיקט, פארקערט, ער האט גיך ערווארבן די סימפאטיעס פון דער באפעלקערונג צוליב דעם וואס ער איז גוט אוועקגעשטעלט געווארן א דאנק דער לערערין ג. ראבינאוויטש.

אין וואלק האט זיך געעפנט אין עברית 2 קלאסן, דער I פון 14 שילער, דער II פון 3, וועלכע האבן גע=ארבעט צוזאמען. די גרינדונג פון דער העבראישער שול אין וואלק האט געהאט א גרויסע באדייטונג פאר דער בא=פעלקערונג, וועלכע האט לכתחילה ניט פארשטאנען דעם איבערגאנג פון רעליגיעזער אונטעריכט צו וועלטלעכער, נאציאנאלער. די שול איז געווארן א וויכטיקער פאקטאר ניט נאר פאר דער דערציאונג פון די קינדער, נאר אויך פון די עלטערן.



די העברעאישע שול אין וואלק

אין טארטו איז דער למוד געגאנגען אין יידיש, אבער זייער פיל אכט איז געלייגט געווארן אויף עברית. א נייען גייסט האט אריינגעטראגן. דער איינגעלאדענער פון אויסלאנד, דירעקטאר ד״ר י. נאדעל, ז״ל.



ד״ר י. נאדעל ז״ל.

## די ארבעט פון דער ק. - פארוואלטונג

די קולטור=פארוואלטונג, פילנדיק די אחריות פאר די שולן, וועלכע זיינען אריבער אונטער איר השגחה, האט זיך ערנסט גענומען פאר דער שול=פראגע. אויף דער בעראטונג פון 26 מאי 1927 י., וועלכע עס האט צונויפגערופן דער שול=וועץ א. גורעוויטש, איז באשלאסן געווארן צו גרינדן א בילדונגס=ראט, אין וועמענס קאמפעטענץ ס׳גייען אריין: א) אויסצוארבעטן די פראגראם און לערנפלאן, וויזיטאציעס און קאנפערענצן. ב) אויסער=שול=בילדונג, אין זין פון ארגאניזירן קורסן און גרופן, פאראלעל מיט די ניט יידישע קלאסן. ג) פארברייטונג פון לערער=פערסאנאל, רעקאמענדירן לייענביכער. אדאנק דעם זיינען אויסגעארבעט און באשטעטיקט געווארן א פראגראם פאר עברית, יידיש, פראגראם פון געשיכטע, אין וועלכע די יידישע, עסטנישע און אלגעמיינע ווערן פארבונדן צוזאמען, פראגראם פאר אויסער=שולבילדונג, לערנפלאן. די קולטור=פארוואלטונג האט אויף די סעסיעס פון קולטור=ראט און אויף די זיצונגען פון ק. פ. באהאנדלט די שול=פראגן. די דירעקטארן פון טאלינער און טארטוער שולן האבן וויזיטירט די שולן און קורסן און זייערע באריכטן זיינען באטראכט געווארן דורך דער ק. פ.

די נייע שול האט געדארפט פארפעסטיקן אירע פאזיציעס. די קולטור=פארוואלטונג האט געשטרעבט צו דעם, אז אלע יידישע קינדער זאלן זיך לערנען אין די יידישע

שולן. ליידער זיינען געווען פיל עלטערן אונטער דער השפעה פון דער דייטשער און רוסישער קולטור און האבן געשטרעבט אפצוגעבן זייערע קינדער אין די רוסישע און דייטשע שולן, הויפטזעכלעך אין טארטו. די קולטור-פארוו. האט ניט איין מאל אינטערווירט אין בילדונגס-מיניסטעריום אנגעגעבן פיל מאל מעמאראנדומס, אנווייזנדיק, אז די ערשיינונג שטעלט אין סכנה דעם גאנצן יידישן שול-וועזן.

כדי צו הויבן דעם מצב פון די שולן, זיינען איינגעארדנט געווארן לערער-קאנפערענצן.



די ערשטע לערער־קאנפערענץ

## די לערער־קאנפערענץ

איז געווען א וויכטיגע געשעעניש אין לעבן פון די יידישע שולן. אנטייל האבן גענומען 32 דעלעגאטן.

דער פארשטייער פון דער לערערשאפט אין ארץ-ישראל ה' אלפערין האט רעפערירט אויף דער טעמע: „וועגן נייע שטרעבונגען אין דער פעדאגאגיק און איינהייט פון דער יידישער שול". דירעקטאר ש. גורין—„וועגן אונטעריכט פון געשיכטע אין גרונטשול און אויף די קורסן" ד"ר נאדעל—„וועגן אונטעריכט פון עברית", ד"ר א. בערנשטיין—„מאדערנע שטרעמונגען און פעדאגאגיק".

די קאנפערענץ האט אויך באטראכט די פראגע וועגן ש"ל בכלל און אנגענומען פאלגנדע רעזאליוציע, פון וועלכער מיר ברענגען א טייל:

1) די יידישע שול אין עסטלאנד שטרעבט ביסלעכווייז, טריט ביי טריט, און באזונדערע ערשיטערונגען איבערגיין צו אן איינהייטלעכן שול-וועזן, הן אידעאלאגיש הן שפראכלעך.

2) די יידישע שול אין עסטי שטרעבט איינצופלאנצן ביים קינד ליבע און טרייהייט מיט דער עסטנישער מלוכה, ברידערשאפט און פריינטשאפט צו אלע פעלקער אין לאנד.

3) די יידישע שול האט דעם צוועק צו אנטוויקלען אין יידישן קינד אלע מענטשלעכע שיינע זייטן דורך דער באהעפטונג פונם קינד צו די ליטערארישע קוועלן פון אונזערע טויזנטיאריקע ווערטן, וועלכע זיינען אמבולטסטן צום אויסדרוק געקומען אין דער אלטער און מיטלאלטערלעכער העבראישער ליטעראטור, און פון דער נייסטער עפאכע אין דער העבראישער און יידישער ליטעראטור.

4) די עסטנישע יידישע שול שטייט אין א קאנטאקט מיט דער עסטנישער שול און מיט די יידישע שולן אין גלות און אין ארץ-ישראל.

5) די קאנפערענץ באשטעטיקט דעם באשלוס פון בילדונגס-ראט ביי דער קולטור-פארוואלטונג צו פארבינדן דעם אונטעררירכט פון עברית אין די ארטיקע יידישע שולן מיט די אנדערע העבראישע שולן אין גלות און אין ארץ-ישראל און אריינפירן די ספרדישע הברה.

6) די פארבינדונג מיטן אויפבויענדן ארץ-ישראל דארף פארנעמען א חשובן ארט אין דעם למוד פון דער העבראישער שפראך.

## די גרינדונג פון קינדער־גארטן „תרבות"

די העבראאיזירונג פון דער שול האט פאראייניקט אלע אנהייגער פון א העבראישער שול. עס האט זיך געגרינדעט א געזעלשאפט „תרבות". דער ערשטער שריט זיינער איז געווען צו עפענען א קינדער-גארטן. אין אויגוסט 1927 י. האט זיך געבילדעט אין טאלין א צייטווייליקער קאמיטעט פון דער געזעלשאפט, וועלכע איז צוגעטראטן צו דער ארגאניזאציאנעלער ארבעט. אין מיטן אקטאבער איז געעפנט געווארן אין טאלין דער ערשטער גן-ילדים, וועלכן עס האבן באזוכט אין שול-יאר 1927-28—28 קינדער. דער גן-ילדים האט פארבארייטעט דעם קאמפלעקס קינדער פאר דעם ערשטן קלאס פון שול. דער קינדער-גארטן איז גיך געווארן פאפולער ביי דער באפעלקערונג און אין י. 1928-29 האבן אים באזוכט 30 קינדער און ביז יעצט איז די צאל קינדער, וואס באזוכן אים אויך גענוג גרויס.







די קינדער־גאָרטנס פון „תרבות“ אין מאָלין, וואָלק און נאַרווע.

### אנשטייאונג פון דער שול אין יידיש און יידישע שול=ארגאניזאציע

דאס בויען פון שול=וועזן האט אריינגעבראכט אין לעבן פון עסטנישן קבוץ א געוויסע דיפערענצירונג. עס האבן זיך אויסגעבילדעט די צוויי ריכטונגען, וועלכע הערשן ביי די גרויסע יידישע קבוצים אין מזרח=אייראפא—די העברעאיסטישע און יידישיסטישע. באזונדערס בולט האט זיך די דיפערענצירונג אויסגעבילדעט אין די 2 גרעסערע יידישע קהלות אין עסטי—אין טאלין און טארטו.

דעם 29 מאי 1927 איז אין קולטור=פארוואלטונג אנגענומען א שריפטלעכע מעלדונג פון 22 עלטערן, וועמענס קינדער דארפן אין הערבסט אנקומען אין שול. אין דער דאזיקער מעלדונג בעטן די עלטערן צו עפענען פאר זייערע קינדער דעם ערשטן קלאס מיט דער יידישער אונטעריכט=שפראך. די בקשה מאטיווירן די עלטערן דערמיט, וואס די קינדער זייערע באהערשן און ריידן אין דערהיים יידיש און די אנטוויקלונג און אויסבילדונג זייערע וועט אין יידיש זיין לייכטער און נארמאלער. דער קולטור=ראט איז פרינציפיעל מסכים געוועז צו דערפילן די בקשה, נאר דאס פארווירקלעכן און שאפן א צווייטע שול האט זיך אנגעשטויסן אויף גרויסע שוועריקייטן. אין 1928 האט זיך געעפנט א יידישע שול אלס א פריוואטע אין באשטאנד פון I קלאס מיט 18 שילער און גלייכצייטיק א קינדער=גארטן מיט 22 קינדער. די שול און קינדער=גארטן זיינען אנגעפירט געווארן דורך דער ניי=געגרינדעטער געזעלשאפט—יידישע שול=ארגאניזאציע אין עסטי. דער לייטער פון דער יידישער שול איז געוועז ש. טאמארקין.

אין זעלבן יאר זיינען איינגעלאדן געווארן אלס לייטער ה׳ דובאווסקי, און אלס פארוואלטערין פון קינדער פון קינדער=גארטן—פרוי דובאווסקי, וועלכע האבן מיטגעהאלפן אוועקצושטעלן די שול אויף א געהעריקער הויך אין פעדאגאגישער און דערציערישער הינזיכט.

### פאראלעליזם

ס׳איז געוועז קלאר, אז 2 שולן קענען ניט עקסיסטירן. די קולטור=פארוואלטונג, שטייענדיק אויף דער וואך פון ביידע שטרעמונגען, האט געמוזט געפינען א וועג, וואס זאל באפרידיקן ביידע ריכטונגען און איינצייטיק שאפן איין שול. דער וועג איז געפונען געווארן אין מאדום פון גרינדן פאראלעלע קלאסן אין יידיש און דער עפנטלעכער יידישער גרונטשול. די קולטור=פארוו. איז ארויסגעגאנגען פון דער הנחה, אז די צאל קינדער וועלן זיך פארטיילן גלייך אין ביידע קלאסן. דאס איז געוועזן פאר דער קולטור=פארוואלטונג א שווערע=אויפגאבע. די יידישע קלאסן האבן געדארפט ווערן איינגעפלאצירט אין די רוימען פון דער שול און מען האט געמוזט קלאסן איבערבויען און טיילן, מען האט געדארפט דעקן דעם דעפיציט פון דער יידישער שול אין גרויס פון 1000 קראן און אחוץ דעם האט אויף זיך גענומען די קולטור=פארוואלטונג די אויסהאלטונג פון די יידישע קלאסן, די הוצאה פון וועלכע האט זיך פריער געדעקט פון פריוואטע מיטלען. און ווייטער האט די ק. פ. געזארגט פאר די יידישע קלאסן גלייך ווי פאר די העברעאישע און שטריינג אפגעהיט די פארפליכטונגען, וועלכע זי האט אויף זיך גענומען.



די פייערונג פון 10־יאריקן יובל פון דער שול און 5־יאריקן יובל פון דער געביידע אין טאלין

### וויכטיגע דאטן אין לעבן פון די יידישע שולן.

א דאנק דער באמיאונג פון דער קולטור=פארוואלטונג איז די גרונטשול אין טאלין אריינגענומען געווארן אין נעץ פון די שטעטישע גרונטשולן. די פראגע איז באטראכט געוואן דורך דער טאלינער שטאט=פארוואלטונג דעם 1927 .I .14 אויפן סמך פון באשלוס פון שטאט=ראט זיצונג פון .I=.12. די שטאט=פארוואלטונג האט באשלאסן צו נעמען אויף זיך די הוצאה פון אויסצוהאלטן 5 קלאסן אנהויבנדיק פון 20 יאנואר 1922. אחוץ דעם האבן די שילער דאס רעכט אויף מעדיצינישער הילף מצד דער שטאט=פארוואלטונג צוגלייך מיט די שילער פון די שטעטישע שולן. דער באש=

לוס פון דער שטאט=פארוואלטונג איז געווארן באשטעטיקט דורכן מיניסטעריום און די שול איז געווארן אן עפענט־לעכע. דאס האט געהאט הן פאר דער שול און הן פאר די עלטערן א גרויסע באדייטונג, יורידיש איז די שול גע=ווארן גלייך מיט די שטעטישע. די עלטערן פלעגן פריער צאלן אין דער פריוואטער גרונטשול 100 קר. א יאר שכר=למוד, יעצט איז די שול געווארן אן אומזיסטע. ליידער צוליב די פאראלעלע קלאסן דעקן ניט די סובסידיעס פון דער שטאט אלע הוצאות פון דער טאלינער גרונטשול.

אדאנק דער עקסיסטענץ פון דער קולטור=פארוואלט. זיינען אויך ארייגעגנומען געווארן אין נעץ און געווארן עפענטלעכע די שולן אין טארטו און אין וואלק. צוליב דער ניט גענוגנדער צאל שילער באקומען די שולן נאר א געוויסן טייל פון זייער בּיודזשעט, אבער די סובסידיעס שפילן א גרויסע ראלע אין אלגעמיינעם בּוידזשעט פון די שולן.

די קולטור=פארוואלטונג האט אויך געזארגט פאר דער גימנאזיע. אין 1929 האט די יידישע שול אין טאלין געפייערט דעם 10 יאריקן יובל פון איר עקסיסטענץ און 5 יאריקן יובל פון דער געביידע.



פייערונג פון די רעכט דורך די אנפירנדע ארגאנען אין טאלין

די ערשטע ארויסלאזן פון גימנאזיע האבן באוויזן אז זי שטייט אויף דער נויטיקער הויך הן אין פעדאגאגישער און הן אין דערציערישער הינזיכט. עס איז איינגעארדנט געווארן א פייערלעכער אקט. דער געהילף פון בילדונגס=מיניסטער האט פארגעלייענט דעם באשלוס פון מיניסטעריום צו געבן דער יידישער גימנאזיע אין טאלין רעכט.

E. V. Haridusministeerium.
23. märtsil 1929. a. Nr. 24590. Tallinn.

JUUDI KULTUURVALITSUSELE.

Hinnates kõrgelt Tallinna Juudi koguduse suurt hoolt ja ohvrimeelt oma noorsoo kasvatamise alal, mis avaldunud emakeelse kooli loomises ja soodsate arenemise tingimuste soetamises juudi õppivale noorsoole, ja pidades silmas Tallinna Juudi eraühisgümnaasiumi kasvatuse- ja õppetöö püsivat edukust, mida tõendavad gümnaasiumi revideerimisel saadud andmed ja kooli lõpetajaile korraldatud katsete tulemused, otsustas Haridusministeerium anda Eraõppeasutuste seaduse (R. T. nr. 97 — 1927) § 29. alusel Tallinna Juudi eraühisgümnaasiumi õpilastele kõik avalikkude keskkoolide õpilaste õigused, arvates 1929. a. 23. märtsist, s. o. päevast, mil Tallinna Juudi kogudus pühitseb oma rahvusliku kooli 10. aastapäeva.

L. JOHANSON (allkiri).
Haridusminister.

G. OLLIK (allkiri).
Riigikoolivalitsuse direktor.

די גימנאזיע האט באקומען פיל באגריסונגען און מתנות, פון וועלכע עס איז כדאי אנצומערקן דעם פיזישן קאבינעט פון ה. איצקאוויטש אויפן נאמען פון זיין פרוי ח. איצקאוויטש.

אין 1932 איז פארגעקומען דער ערשטער ארויסלאז פון דער העברעאישער גרונטשול אין טאלין.



דער ערשטער ארויסלאז פון דער העברעאישער גרונטשול אין טאלין

אין 1930—31 יאר איז פארגעקומען דער ערשטער ארויסלאז פון דער העברעאישער שול אין וואלק, וועלכער איז געווען א יום־טוב פאר דער גאנצער באפעלקערונג.



דער ערשטער ארויסלאז פון דער העברעאישער גרונטשול אין וואלק

אין 1934 יאר איז געווען דער ערשטער ארויסלאז פון דער יידישער שול, וועלכער איז געווען אנגעמערקט דורך אן אקט און פייערלעכן באנקעט פון די שילער, על־טערן, לערער און מיטגלידער פון קולטור־פארוואלטונג.



דער ערשטער ארויסלאז פון דער יידישער שול אין טאלין

## די אנטוויקלונג פון שול־וועזן.

די קולטור־פארוואלטונג האט שטענדיק געפירט א לאיאלע, צו ביידע ריכטונגען, פאליטיק; דער III קולטור־ראט אין וועלכן די יידישיסטן זיינען געווען כמעט ניט פארטראטן (זיי האבן בייקאטירט דעם קולטור־ראט און קולטור־פארוואלטונג) האט שטרענג אפגעהיט דעם אפמאך, וועלכער איז געשלאסן געווארן מיט די יידישיסטן און האט געגעבן די מעגלעכקייט ביידע ריכטונגען צו אנטוויקלען זיך. צו סימפאטיעס פון דער באפעלקערונג האט זיך **גענויגט צו דער העברעאישער ריכטונג.** די צאל קינדער אין די יידישע קלאסן האט זיך אליץ פארקלענערט, די צאל אריינטרעטנדע אין I קלאס איז אליץ געפאלן, אין דער צייט, ווען די העבראישע קלאסן האבן זיך אנטוויקלט נארמאל. צוליב דער שווערער מאטעריעלער לאגע האט מען געמוזט פארמיטן א העלפט פון דער געביידע (און דוקה די באקוועמסטע) דער רוסישער שול. דאס האט אוועקגעשטעלט די טאלינער שול אין שווערע באדינגונגען. די אביעקטיווע באדינגונגען האבן געצוואונגען די קולטור־פארוואלטונג און דעם קולטור־ראט צו רעווידירן דעם אפמאך און **באשליסן צו שאפן איין שול אין טאלין.** ניט קוקנדיק אויף דער אבסאליוטער מערהייט איז דאך באשלאסן געווארן איבערצוגעבן די אנטשיידונג פון דער פראגע, וועלכע שול דארף זיין, דעם קומענדיקן קולטור־ראט. **זאל די באפעלקערונג דורך אפשטימונג ארויסזאגן איר ווילן.**

אין משך פון די יארן איז בולט באוויזן געווארן די גאנצקייט און שטארקייט פון העבראישן שול־וועזן. אין טאלין לערנען זיך אין עברית 170 שילער דער גרעסטער טייל פון די יידישע קינדער. די שול האט זיך גוט אנטוויקלט, דער למוד גייט נארמאל, די אנטוויקלונגען פין די קינדער — אויף א געהעריקע הויך. די אביעקטיווע געגעבענע זיינען געווען קעגן איר: שווערע מאטעריעלע לאגע, קאמף מיט דעפיציטן, פארערגערטע רוים־באדינגונגען, אפאזיציע מצד די עלטערן, וועלכע שטרעבן אפצוגעבן זייערע קינדער אין פרעמדע שולן, און ניט קוקנדיק אויף דעם איז אויסגעוואקסן און פארפעסטיקט געווארן די העבראישע שול. דאס ווייזט, אז די באפעלקערונג איז פאר איר, אז די עלטערן זיינען פאר איר, אז זי האט א זכות־הקיום, אז ביי אביעקטיווע גוטע באדינגונגען האט זי אלע געגעבענע צו ווערן א שול מיט דיסציפלין און למוד לויטן לעצטן וואָרט פון דער מאדערנער פעדאגאגיק.



דירעקטאר פון טארטוער שול ד. סאלאמאן



לייטער פון וואלקער שול י. באכמאט

אין ט א ר ט ו איז די שול איבערגעגאנגען לויטן ווילן פון די עלטערן אויף עברית און אין 4 קלאסן גייט שוין דער אונטעריכט אין דער שפראך.

אין וו א ל ק אנטוויקלט זיך די העבּרעאישע שול נארמאל לויט אירע באַדינגונגען.

**עס איז דא א טענדענץ צו שאפן אן איינהייט־לעכן העבּרעאישן שול־וועזן.**

גלייכצייטיק האט זיך אנטוויקלט די אויסערשול־בּילדונג. אין פּערנוי, נארוואַ, ווילִיאנדי, דארט ווו די קינדער מוזן זיך לערנען אין ניט יידישע שולן, האבּן זיי אויף די קורסן באקומען ידיעות אין עברית, יידישע געשיכטע און יידיש. די געזעלשאפט, וועלכע האט פריער געוווּסט נאר פון רעליגיעזן למוד, האט אנגעהויבּן צו פארשטיין און שעצן וועלטלעכע נאַציאנאַלע בּילדונג. נאר א דאנק דער קולטור=אויטאנאמיע זיינען געפונען געווארן מיטלען אויסצוהאלטן די קורסן, נאר א דאנק דער אויטאנאמיע זיינען די קינדער באהעפט געווארן מיט דער נאציאנאלער קולטור.

## דער יידישער שול־וועזן אין ציפערן.

**אין די יארן 1926-36 האבן זיך געלערנט אין די יידישע גרונט־שולן 580 קינדער.**

אין **טאלין** — 266 (202 אין עברית, 64 אין יידיש), אין **טארטו** — 232 (30 אין עברית, 202 אין יידיש) ס. ה. האבּן זיך געלערנט אין עברית 314, אין יידיש 266.

אין די מיטלשולן יידישע האבּן זיך געלערנט פאר די יארן 147 שילער; אין **טאלין** — 84 (36 אין עברית, 19 אין יידיש, די שול איז בּהדרגהדיק אריבּער פון דער רוסישער אונטעריכט שפראך צו די נאַציאנאלע), פון זיי 65 אין עברית און 19 אין יידיש, אין **טארטו** — 63 אין יידיש.

אויף די קורסן פון אויסערשולבּילדונג האבן זיך געלערנט 324, אין װאלק 23, פּערנוי — 82, נארווא — 193, ווילִיאנדי — 11, ראקווערע — 51.



דער ערשטער ארויסלאז פון דער יידישער שול אין טארטו

שווער איז געווען צו בּויען דעם יידישן שול=וועזן אין עסטי. די קליינע צאל פון דער יידישער באפעלקערונג און דערצו די קליינע צאל פון קינדער אפילו אין די ערטער מיט די גערסטע יידישע קהילות, די אונמעגלעכקייט צו עפענען שולן אין אלע ערטער, די שטרעבּונג פון טייל עלטערן אפּצוגעבּן זייערע קינדער אין פרעמדע שולן, דער קאמף צווישן העבּרעאיש און יידיש, די באַגרענצנדע פינאנסיעלע מיטלען — דאס אלץ האט געשטערט דעם נארמאלן גאנג פון אנטוויקלונג. שווער איז געווען דער קאמף און עקשנותדיק איז ער געפירט געווארן.

יעצט נאך 10 יאר עקסיסטענץ קענען מיר מיט באפרידיקונג קוקן אויף דעם דורכגעמאכטן וועג, נאך איין עטאַפּ=אנטשיידונג פון דער פראגע אין טאלין און דער יידישער שול=וועזן וועט ווערן פארפעסטיקט און וועט זיך אנטוויקלען נארמאל.

איין זאך מוז מען קאַנסטאטירן: די קולטור=ראטן האבּן ניט נאר פארפאלגט ריין פּראקטישע לאקאלע אינטערעסן נאר האט זיך געשטעלט אויפן וועג פון דער אַלגעמיינער נאציאנאלער אויפלעבּונגס=באוועגונג, אויפן וועג, וועלכער פירט צום אויפבּוי פון אן אייגענעם קולטור=צענטער מיט אן איינהייטלעכער קולטור. א דאנק דעם איז גוואלדיג געוואקסן בּיי אונזער יוגנט דער נאַציאנאלער באוווּסטזיין.

די ענדערונג אין דער וועלטבּאנעמונג פון דער יוגנט איז איינע פון די גרעסטע רעזולטאַטן פון אונזער שול=וועזן, דאס האט געגעבּן די קולטור=אויטאנאמיע און דאס דארף דינען אלס א קאטעגארישע פאדערונג צו שטארקן די דערגרייכטע קולטורעלע פּאזיציעס.



דער באַשטאַנד פון I-טן קולטור־ראט

זוצן פון לינקס אויף רעכטס: (מ. ראגאוואסקי), ה. מארקאוויטש, ז"ל. ח. איצקאוויטש, א. גורעוויטש, ג. אייזנשטאדט—פארזיצ.
א. ראַבלין, (א. טויב), ש. טאמארקין, (ד"ר י. נאדעל ז"ל); שטייען אין צווייטער ריי: (א. מורשאק), ש. קריגמאן, (ד"ר
ב. מירוויץ), ד"ר א. לעווין, ב. פאוולאווסקי, מ. גאלדבערג, ג. ל. צירילסאן, י. בלומענפעלד, א. רוטשטיין, ד"ר מ. קלאמ־
פוס, י. גענש, י. קראפמאן, (ר. כ"ץ), ש. גורין; דריטע רייע: (ש. קיט), א. קאץ, (י. זאגאריע), מ. גראדינסקי, ב. יא־
קאבסאן, מ. זאקס, (י. יאנקעלסאן, א. גענדעל, ד. שאגאל).
אין קלאמערן איינגעלאדענע צו דער 5־יאריקער יובל־סעסיע פון קולטור־ראט מיטגלידער פון I־טן קולטור־ראט, אנגע־
שטעלטע און קאַרעספאנדענטן.


K.-K. „ELGEN"

E. GENDEL

Kalosside ja
kummijalanõude
en gros
ladu

Kummivabriku „ASKIM" (Norra)
esindaja

Tallinn, Uus t. 4 Tel. 430-82

K.-M.

TALLINNA
TEKSTIL

V. Karja, 1. Tel. 446-34.

SUURIM VALIK,

Prantsuse siidi!

Inglis mantli ja kleidiriideid

Härradele!

Kodumaa ja Inglis. vabrikust.

palitu ja ülikonnariideid.

# A. S. „TEKLA“

PEAKONTOR
TALLINN, SUUR KARJA 15
TELEFON 448-18
JUHATUS: 474-31

RIIDEÄRID:

TALLINNAS, Suur Karja 15
tel. 445-23
Pärnu maant. 6, telefon 468-02

HAAPSALUS, Ehte tänav 2, tel. 1-57
KURESSAARES, Kauba tän. 2, tel. 72
MUSTVEES, Tartu tän. 15, telefon 62
NARVAS, Peetri plats 2, telefon 2-38
PETSERIS, Kaubarida 6-7, telefon 1-17
PÄRNUS, Vee ja Pika t. nurgal, tel. 1-10
RAKVERES, Turuplats, telefon 2-85
VALGAS, Kesk tän. 14, telefon 26
VILJANDIS, Tartu tän 6-a, tel 2-40
VÕRUS, Jüri tänav 5-a, telefon 1-26

Müügil kindlate hindadega kodumaa järgmiste vabrikute kaubad:

Balti Puuvillaketramise ja -kudumise Vabriku A./S.

Kreenholmi Puuvillasaaduste Manufaktuuri O./Ü.

Sindi Tekstiilvabrikute Ühisuse

O.-Ü. Eesti Niidivabriku

Välismaa kauba tarvitamisel voolab meie raha üle piiri,
suureneb järjest töötute arv, jääb vaeseks maa ja rahvas!

**Ostes kodumaa kaupu, vähendame tööpuudust!**

מ׳ קאלאווסקי — פארזיצער פון טארטוער קולט.-קוראט.

# די ארבעט פוז ק׳־קוראטאריום איז טארטו

באטראכטנדיק די טארבעט פון קולטור-קוראט. אין משך פון די פארגאנגענע 10 יאר, קענען מיר איר טעטיקייט צוטיילן אין 3 תקופות לויט די דריי קולטור-ראטן.

I פעריאד פון דעם ק.-ק. פון ערשטו צוזאמענפאר (פון יוני 1926 ביז יוני 1929) קען מען אנרופן אַ תקופה פון פרוכטבארער ארבעט און שאַפנדיקער טעטיקייט. אַזוי ווי די הויפט אויפגאבע פון קולטור-קוראַטאריום איז געווען די שול, ווען מיר זיך אפשטעלן אף דעם, וואס עס איז אויפגעטאן געווארן אף דעם געביט

די טארטוער גרונטשול ווערט אריבערגעפירט פון שטאט-פארוואלטונג אין רשות פון קולטור-אווטאנאמיע.

מען קומט צו א הסכם מיט דער שטאט פארוואלטונג, לויט וועלכן די שול ווערט סובסידירט פון שטאט.

עס פארגרעסערן זיך די קלאסן פון גימנאזיע.

אלס דירעקטאר ווערט איינגעלאדן דר. נאדעל.

די צאל שילער ווערט פון יאר צו יאר גרעסער און דערגרייכט פון די פריערדיקע 70 — 80 ביז 125.

דער שול בודזשעט ווערט געדעקט אן א דעפיציט, כאטש ער ווערט פארגרעסערט.

א גאנץ אנדער בילד זעען מיר, צום באדויערן, אין דער טעטיקייט פון קולט.-קוראט. פון צווייטן צוזאמענפאר (פון יוני 1929 — יוני 1932). די אנהעגער פון יידיש באקומען אין קולט.-קוראט. פון 4 קעגן 3 און די פארטייאישע אידעאלאגישע שטרייטיקייטן הייבן אן דאַמינירן איבער די פראקטישע שולפראגן. שווימט אויף די פראגע פון רעווידירן די פראגראם, און באַשטימען די צאל שעהן פון עברית און יידיש. אויף די זיצונגען פארנעמט מען זיך מיטן אויסצוקעמפן אַ שעה עברית אדער יידיש אין דעם אדער יענעם קלאס.

די מיטגלידער פון קולט.-קראט. האבן שוין נית קיין געמיינזאמע שפראך, זיי פעלט די איניקייט. דאס ווירקט אויך אויף דער געזעלשאפט, וועלכע דערווייטערט זיך פון שול. עס קומען פאר מאסן-ארויסטרעטונגען פון קאדאסטר, די צאל פון די שילער פון גרונטשול הייבט אן סיסטעמאטיש צו פאלן. דורך די קאנפליקטן ליידט אויך די פינאנסיעלע זייט פון שול. פון יאר צו יאר פארגרעסערט זיך דער בוידזשעט מיט אַ דעפיציט, און צו 1932 יאר דערגרייכט דער חוב ביז 5000 קר. אפילו די לערער הערט מען אויף צו צאלן זייער געהאלט און עס קלייבט זיך אָן א חוב פון 5000 קר. חוץ דעם שוין אויבנדערמאנטן חוב (פון 5000 קר.). לסוף ווערט אין דער ערשטער העלפט פון 1932-טן יאר באשלאסן צוליבן פעלן פון געלט-מיטלען און שילער — ליקווידירן די גימנאַזיע, שליסנדיק יעדן יאר איין קלאס. צום באדויערן האט דער פעריאד געבראכט אַ גרויסן היזק אונדזער יוגנט-דערציאונג און דער ארבעט פאר אונדזער נאצ. קולטור, און צום סוף, דעם ק. ק. פון דריטן קולטור-ראט (פון יוני 1932 ביז יוני 1936) — די תקופה פון רעאלע ארבעט.

נישט קוקנדיק אויף דער פארקלענערונג פון הכנסה גיט זיך אים איין נית נאר דורכצופירן דעם בודזשעט אן אַ דעפיציט, נאר אויך צו דעקן מער ווי א העלפט פון די אלטע חובות. זיך שטיצנדיק אויף די דערפארונגען פון פריערדירע יארן, ווערט געלייגט הויפטזעכלעך אכט אויף אפצושאפן דעם גרעסטן חסרון פון שול — די 2 שפראכיקייט (די „סינטעטישע" שול פון 2-טן פעריאד) און עס ווערט באשלאסן צו שאפן אן איינהייטלעכע שול. לויטן באַשלוס פון קולטור-ראט און וואונטש פון די עלטערן ווערט איינגעפירט די אונטערריכט-שפראך עברית. עס ווערן איינגעלאדן גוטע פעדאַגאָגישע קרעפטן און צום היינטיקן טאג האבן מיר שוין 4 קלאסן מיט דער העברעאישער אונטערריכט-שפראך. די שול איז פעדאגאגיש גוט אוועקגעשטעלט און אין בילדונגס-מיניסטעריום האט מען וועגן איר א גוטע מיינונג. עס ווערט פון איין גרונטשול דאסניי געעפנט אַ מיטל-שול.

א טייל פון די פריער ארויסגעטראטענע פון קאדאסטר שרייבן זיך ווידער איין.

מען מוז אנערקענען אז אין איין פראגע האבן אלע 3 ק.-ק. פון אלע 3 קולטור-ראטן און אלע מיטגלידער געאַרבעט איינשטימיק, דאס איז די פראגע וועגן לערנען פון יידישע קינדער אין פרעמדע שולן.

מיר האפן, אז די צייט און די טעותן האבן געלערנט אונדזערע געזעלשאפטלעכע טוער און מיר ווינשן דעם קומענדיקן קולטור-ראט מער איניקייט און סאלידאריטעט לטובת אונדזער אלגעמיינע ארבעט.





Suurim
valmisriiete
äri

K.-M. „ERPE"
VIRU 22, TALLINN
TELEFON 446-94

Soovitab suures valikus
daamide
ja härrade
ülirõivaid

ד"ר ש. פאליקאווסקי — פארזיצער פון וואלקער ק.-קוראטאריום.

# 10-יאריקע ארבעט פון וואלקער קולטור-קוראטאריום

גלייך נאך די וואלן צום I קולטור=ראט האט זיך אין וואלק קאנסטרואירט א קוראטאריום אין באשטאנד פון פארזיצער ד"ר ש. פאליקאווסקי, מיטגלידער—ד"ר מ. בראדאווסקי און ב. גליקמאן. אלס געשעפטס=פירער איז קאאפטירט געווארן ה. שלאמקא.

במשך פון די 10 יאר עקסיסטענץ פון דער קולטור=אווטאנאמיע האט דער קוראטאריום אנגעפירט מיטן קולטורעלן=געזעלשאפטלעכן לעבן אין וואלק.

דער וויכטיקסטער אויפטוי איז געווען די גרינדונג און אויפהאלטונג פון דער העבראישער שול. די קינדער (בערך 80) האבן זיך געלערנט אין פרעמדע שולן — רוסישע און דייטשע, וועלכע האבן געשטרעבט זיי צו דענאציאנאליזירן—און דאך איז אויסגעקומען צו פירן א קאמף מיט די עלטערן זיי זאלן אפגעבן זייערע קינדער אין דער ניי געעפנטער שול. אין הערבסט איז די שול געעפנט געווארן, ס'זיינען איינגעלאדן געווארן 2 פעדאגאגן פון לעטלאנד. א חוץ דעם ווידערשטאנד מצד די עלטערן איז אויך אויסגעקומען צו קעמפן מיט מאטעריעלע שוועריקייטן.

דעם קולטור=קוראטאריום א דאנק דער ענערגישער ארבעט פון פארזיצער ד"ר ש. פאליאקאווסקי, איז געלונגען גובר צו זיין אלע שוועריקייטן, א דאנק דער הילף פון דער שטאט=פארוואלטונג, וועלכע האט ערפילט די בקשה אריבערצופירן אלע יידישע קינדער, וועלכע לערנען זיך אין פרעמדע שולן אין דער יידישער שול, א דאנק דער דערציערישער ארבעט צווישן די עלטערן, זיינען מיר געקומען צו דעם, אז אין די לעצטע 8 יאר האבן אלע יידישע קינדער באזוכט די העבראישע שול.

א דאנק דער ארבעט פון ק. ק. איז די שול אריינגענומען געווארן אין נעץ פון די שטאטישע שולן. די שטאט=פארוואלטונג האט אויך אפגעפירט פאר דער שול א געביידע און האט געגעבן א באשיידענעם שול=אינווענטאר.

אויך איז געלונגען מיט איר הילף צונויפצושטעלן א פיזישכעמישן קאבינעט און צו פארגרעסערן די שול=ביבליאטעק.

ביי דער שול איז געגרינדעט געווארן קינדערגארטן.

אסך אויפמערקזאמקייט האט דער ק. ק. געלייגט אויף אויסערשולבילדונג. פאר די שילער, וועלכע נאך דעם, ווי זיי פארענדיקן די גרונטשול, און זעצן פאר זייער בילדונג אין די עסטנישע שולן, זיינען איינגעארדנט געווארן קורסן פון עברית, תנך און יידישע געשיכטע.

ס'איז געלונגען צו פועלן, אז די דאזיקע שטונדן זאלן אפיציעל אנערקענט ווערן מצד די בילדונגס=אנשטאלטן. ביים פארענדיקן די שול ווערט אין אטעסטאט אויך אוועקגעשטעלט א מיינונג פאר די יידישע למודים.

אין יאר 1926 זיינען געגרינדעט געווארן קורסן פון יידיש פאר דערוואקסענע און אין די יארן 1930-32 האבן עקסיסטירט קורסן פון עברית און יידישע געשיכטע.

מיט דער הילף פון ק. ק. זיינען איינגעארדנט געווארן א ריי פארטראגן, לעבעדיקע צייטונגען, טעאטער=פארשטעלונגען מיט באטייליקונג פון אייגענע און פרעמדע קרעפטן.

א דאנק דער איניציאטיוו פון ק. ק. איז געגרינדעט געווארן א „פרויען=פאריין" צו אונטערשטיצן די אונבאמיטלטע יידן, הויפטזעכלעך שול=יוגנט. דער פאריין פארזארגט די ארעמע קינדער מיט קליידער און שיך, גיט אויס יערלעך לערך 350 קר.

דער ק. ק. האט געפירט דעם קאדאסטער. אין רעגיסטר א זיינען אריינגעטראגן 105 אין ב—40 פערזאן (די גרעסטע צאלן זיינען געווען — אין א — 150, אין ב—50).

אין די אלע יארן איז בראש פון ק. ק. געשטאנען אלס פארזיצער ד"ר פאליקאווסקי, וויצע=פארזיצער — אנהויבנדיק פון II קולטור=ראט איז א. כ"ץ, סעקרעטאר—ה. שלאמקא.

Elegantne daam
tarvitab ainult lõhnaõlisid ja
kosmeetikaaineid firmadelt:

Molyneux, Paris,
F. Millot, Paris,
Lanvin, Paris
Bourjois, Paris,
Lenthéric, Paris,
Houbigant, Paris.
Coty, Paris
Atkinson, London,
Dralle, Ilusioon,
Roger & Gallet Paris
j. n. e.

A.-S. Mey & Landesen
Rohu-, värvi-, keemia- ja
kosmeetikakaupade suurlaod,
Tallinn, Viru tän. nr. 9.

A. LEVIN
TARTU
Rohukaubalaod
„CENTRAL"
Suurturg 8
Rüütli t. nurgal
Kõnetr. 11-10.
Maarjamõisa t. 9
Veski t. nurgal
Kõnetr. 3-87.
Rohu-, värvi-,
parfümeeria- ja
kummi-kaubad
En-gros ja en-detail.

ח. דובין, פארזיצער פון נארווער קולטור=קוראטאריום

# די ארבעט פון נארווער קולטור־קוראטאריום

בערך מיט נייען יאר צוריק, ווען עס האט זיך קאנסטרואירט דער ארטיקער קולטור=קוראטאריום, האט דער לעצטער געהאט בדעה צו עפענען אין נארווא א יידישע גרונט=שול צו דעם צוועק האט דער קולטור קוראטאריאום איינגעלאדן ד״ר א. בערנשטיין, אלס לייטער פון דער שול. אבער צוליב דעם קליינעם צאל קינדער האט מען זיך פון דעם געדאנק געמוזט אפזאגן. און זיך באפרידיקן מיטן איינשטעלן א נאכמיטאג שול.

נאך ד״ר בערנשטיינס אוועקפארן פון נארווא האט דער קולטור=קוראטאריום איינגעלאדן די פרעבעלין און לערערין פרל. ש. גארין, וועלכע האט איינגעארדנט, אין נארווא א מוסטערהאפטן העברעאישן קינדער גארטן, וועלכער האט עקסיסטירט א יאר צייט. גלייכצייטיק האט די זעלבע לערערין, צוזאמען מיטן ארטיקן לערער ה׳ זאגאריע איינגעארדנט די יידישע למודים אין דער נאכמיטאג שול. נאך פרל. גארין׳ס אוועקפארן האט דער דאמאלדיקער קולטור=קוראטאריום איינגעלאדן די פרעבעלין פרל. א. כאסין, וועלכע האט פארגעזעצט די ארבעט אין קינדערגארטן, און אויך אין די קורסן פון דער נאכמיטאג שול.

אין 1930 יאר באשליסט דער קולטור=קוראטאריום צוליב דעם קליינעם צאל קינדער, שליסן דעם קינדער=גארטן, און פון דאן אן האט זיך באמיט דער ארטיקער ק.=קוראטאריום צוזאמען מיט דער קולטור=פארוואלטונג אוועקצושטעלן די נאכמיטאג קורסן אויף דער נויטיקער הויך.

ליידער, אבער, מוז מען צוגעבן אז די יידישע לימודים האבן ניט געקענט אלעמען באפרידיקן, די לימודים האבן ניט געטראגן קיין אבליגאטארישן כאראקטער און דאס ווירקט זייער אויפן נארמאלן גאנג פון זיי. די לעצטע ווערן ניט רעגולער באזוכט פון די קינדער, און מען האט ניט געפונען קיין מיטלען ווי די נעגאטיווע דערשיינונג צו באזייטיקן. די ערנסטע פראגע וועט מוזן לייזן דער צוקונפטיקער קולטור=קוראטאריום מיט דער פארוואלטונג.

דער ארטיקער קולטור=קוראטאריום מיט דער אונטערשטיצונג פון דער קולטור=פארוואלטונג האט זיך באמיט פון צייט צו צייט, איינצוארדנען פארן ברייטן עולם ליטערארישע פארטראגן און א ריי ליטעראַרישע פאראנשטאלטונגען.

אזוי ארום איז אין משך פון די 10 יאר פיל אויפגעטאן געווארן אויפן געביט פון נאציאנאלע דערציאונג פון דער יוגנט און דער יידישער געזעלשאפט.

*Suvihooajaks moodsaid*

kleidid -ja mantliriideid, trükkriideid ja salle.

Parimaid eesti cOtton-sukki ja sokke.

Igasugu pesupitse, paelu ja trakse.

Sportlasile võimlemis- ja ujumistrikoosid

***valmistab***

**A.-S. O. KILGAS.**

AKTSIASELTS

THE TIMBER COMPANY

TALLINN — ESTONIA

VABADUSE PLATS 5, K. 2.

TEL. 440-76.

# דער באשטאנד פון III־טן קולטור־ראט













ג. אייזנשטאדט

ש. גורין, א. גענדעל,

ח. איצקאוויטש, מ. זשיטאמירסקי, מ. ראגאווסקי, ד״ר מ. קלאמפּוס

מ. יודייקין, א. פּעקארעוויטש, י. בּלומענפעלד, ר. אָזוואנסקי.

   

   

   

א. י. יאקאבֿסאן, מ. קאלאווסקי, בּ. קראפֿמאן, ד. פאסטערנאק,

י. זאגאריע, ש. מינקאוו, ח. דובֿין, מ. טורעצקי,

ד״ר. א. לעווין, ד״ר ש. פֿאליקאווסקי, מ. שערמאן, י. ראגאווסקי.

ד״ר א׳ לעוויז׳ — פארזיצער פון פערנויער ק.=קוראטאריום.

# וואס האט געגעבן די קולטור-אווטאנאמיע דער פראווינץ?

ווען מיר דערמאנען זיך דעם מצב פון אונזערע קינדער, אין די נאך מלחמה-יארן, ווען זיי האבן זיך געלערנט אין די פרעמדע שולן, און האבן ניט באקומען קיין נאציאנאלע און ניט קיין רעליגיעזע דערציונג, מוזן מיר באהויפטן, אז פון 1926 יאר, ד. ה. פון דעם געבוירן-טאג פון אונזער נאצ. קולט. אווטאנאמיע, הויבט זיך אן בײ די קינדער לאנגזאם און מען מוז זאגן דעם אמת, מיט גרויסע שוועריקייטן, א ריכטונג פון נאציאנאלן אליינבאוווסטזיין און זעלבסט-ווירדע.

די עלטערן האבן נאך געחלומט וועגן אמאליקן חדר, וועלכער דארף נאך זייער מיינונג באנייט ווערן דורך דער קולטור אווטאנאמיע.

זיי האבן נאך ניט פארשטאנען דעם אמת, אז דער אמאליקער חדר האט ניט געגעבן קיין שום ידיעות פון אלגעמיינע בילדונג וואס צום באדויערן, לאזט זיך דאס איצט פילן אויף יעדן שריט און טריט, קומענדיק אין באריררונג מיט זיי.

אזוי, ווי צוליב פארשיידענע סיבות איז דא בא אונדז אונמעגלעך געווען צו גרינדן א יידישע גרונטשול, האט מען געמוזט זארגן, אז די קינדער זאלן קריגן די מינימאלע נאציאנאלע דערציונג אין פארם פון נאכמיטאג קורסן וואס איז אויך איינגעפירט געווארן.

ליידער זיינען די קורסן ניט רעגלמעסיג באזוכט געווארן פון די קינדער. ווייל ערשטנס זיינען די יידישע לימודים ניט אבליגאטאריש, צווייטנס — זיינען די קינדער פארנומען געווען נאכמיטאג מיט זייערע אויפגאבן, נאכהילפס שטונדן, מוזיק א. א. וו. הויפטזעכלעך צוליב דער אינדעפערענטער באציונג פון דאס רב עלטערן צו די יידישע לימודים.

און אזוי האט זיך געצויגן שיינע עטלעכע יאר.

ווי שלעכט עס איז אבער ניט געווען, זיינען דאך די יידישע קינדער געווען מער צוזאמען עטלעכע שעה אין טאג. מען האט מיט זיי דורכגעפירט קינדער-אוונטן, פארוויילונגען, און די קינדער אליין, פון זיך אויס, האבן זיך אנגעהייבן דערנענטערן צום געדאנק פון נאצ. אליינבאוווסטזיין.

כדי די גאנצע למודים פראגע צו דעסציפלינירן, האט מען אוגענומען שריט ארייננצוברענגען די יידישע לימודים אין די שולן, ווו ס׳זיינען קאנצענטרירט די מערצאל פון יידישע קינדער, און דאס איז אויך געלונגען דורכצופירן.

און דא מוז מען אונטערשטרייכן, אז די יידישע למודים וואס זיינען אריינגענומען געווארן אין אלגעמיינעם שטונדן פלאן, זיינען פון די קינדער רעגולער באזוכט געווארן און זיי האבן טאקע געמאכט בעסערע פארשריטן פון די קינדער וואס האבן געלערנט די יידישע למודים אין די נאכמיטאג קורסן.

דער נאצ. גייסט בא אונזערע קינדער איז פארשטארקט געווארן, אויך א דאנק דעם סקאויטיזם, וועלכער עס האט זיי צוזאמענגעבונדן מיטן יידישן פאלק. ער האט אויך מיטגעהאלפן צו שאפן זייער פריינדלעכע באציונגען מיט די עסטן וואס מוז זייער באגריסט ווערן.

פאר די 10 יאר פון דער קולטור-אווטאנאמיע האט מען דורכגעפירט מערערע רעפעראטן, לעקציעס, לעבעדיקע צייטונגען א. ד. ג. וועגן באדייטונג פון דער קולטור אווטאנאמיע, אבער און דער באציונג פון דער באפעלקערונג צו דער קולט. אווט. לאזט זיך נאך אסך מער פארלאנגען.

נאר דאך איז צו באמערקן בײ דער מער אויפגעקלערטן טייל פון דער באפעלקערונג, א געוויסע דערנעענטערונגס באציונג צו אונדזער קולט. אווטאנאמיע.

ניט קוקנדיק אף די קליינע רעזולטאטן, וואס מיר האבן דערגרייכט אין משך פון די 10 יאר, איז אבער עפעס אויפגעטאן געווארן.

האפנטלעך וועט די צוקונפט, באזירנדיק זיך אויף דער 10 יאריקער דערפארונג, ברענגען אונדזער יוגנט, ווי אויך דער גאנצער באפעלקערונג די געווונטשענע נוצן פון אונדזער קולטור אווטאנאמיע.


## צום זומער-סעזאן!

באדע-קאסטיומען, שטרימף אין מאדערנע פארבן
העמדער פון אין און אויסלענדישע שטאף
שירמס היגע און אויסלענדישע
גאראנטירטע קוואליטעטן און ביליג צו באקומען בײ

## ב׳ גענש און זין

טארטו. -:-:-:- Telef. 5-17.
געגרינדעט 1886 יאר. אנגרא און דעטאל.

## יידישע בעל-הבתים!

גיט אפ אייער מאלער-ארבעט
די יידישע האנטווערקער.

## געברידער מעדניקאוו

טאלין, גרויס דארפאט גאס 23.

**מ׳ גאלדבערג**—פארזיצ. פון ווערא'ער ק.=קוראטאריום

# ווערא'ער קולט.־קוראטאריום

אין דער ערשטער צייט פון דער קולטור=אווטאנאמיע, האבן מיר דא אין ווערא געמוזט באנוגענען זיך מיטן אויסהאלטן א לערער פון יידישע למודים פאר די קינדער וואס באזוכן די פרעמדע שולן. ווייל צוליב דעם זייער קליינער צאל יידישע קינדער, האט אפילו קיין רייד ניט געקענט זיין וועגן עפענען א גרונט=שול. שפעטער אז די צאל קינדער איז נאך קלענער געווארן און אפילו קיין לערער האבן מיר אויך ניט געקענט אויסהאלטן, האבן מיר איינגעארדנעט דעם לערנען פון די יידישע למודים מיט דעם ביסל נאכגעבליבענע קינדער, דורך אייגענע ארטיקע קרעפטן, און די הויפט אויפמערקזאמקייט געלייגט אויף דער אויפקלערונגס=ארבעט צווישן אונזער יידישער באפעלקערונג.

צוליב דעם צוועק איז ביי אונז געגרינדעט געווארן אן אומפארטייאישער קלוב, מיט א קליינער ביבליאטעק.

אלע באוועגונגען אין יידישן פאלק, ווי אויך אלע געשעענישן אויף דער יידישער וועלט, זיינען אונזער יידישע געמיינדע באקאנט געמאכט געווארן און אויפקלערונגען געגעבן געווארן.

עס זיינען איינגעארדנט געווארן א גאנצע רייע פארטראגן, דיסקוסיעס לעבעדיקע צייטונגען אויף פארשידענע טעמען.

עס זיינען אויך ארגאניזירט געווארן העבראישע און יידישע קורסן און אויך קורסן פון יידישע געשיכטע. אזוי אז אויף דעם געביט פון אויפקלערונגס ארבעט איז ביי אונז אין משך פון די 10 יאר זייער פיל אויפגעטאן געווארן, און מיר קענען מיט זיכערקייט באהויפטן אז אין ווערא איז אויף דעם געביט זייער פיל דערגרייכט געווארן.

**י׳ ראגאווסקי** — ראקוועער.

## קולטור־קוראטאריום איז ראקווערע

אין אונזער שטאט איז די ארבעט פון קולטור=קוראטאריום פארשווערט געווארן צוליב דעם ניט פארשטיין פון דער באפעלקערונג דעם עצם געדאנק פון דער קולטור=זעלבסטפארוואלטונג. ערשט פאר די לעצטע יארן איז געלונגען צו ארגאניזירן א קוראטאריום וועלכער האט געשטרעבט צו פאפוליאריזירן דעם געדאנק פון קולטור=זעלבסטפארוואלטונג און זיך באמיט אויסצופילן זיינע פונקציעס. עס איז געשאפן געווארן דער באדן פאר א ווייטערדיקער געזונטער און פראדוקטיוו=קולטורעלער ארבעט.

עס זיינען איינגעארדנט געווארן א ריי רעפעראטן און קולטורעלע אונטערנעמונגען.

נאר אויף א פעסטן באדן קען אין דער צוקונפט געפירט ווערן א הונדערט=פראצענטיקע קולטור=ארבעט און די דערגרייכונגען קען דער קוראטאריום שטאלץ אנשרייבן אויף זיין חשבון.


האנדלס־אינדוסטרי

**א׳־ג׳ „דענטאל״**

***Tallinn, Viru t., 5-III, tel. 432-42***

דער איינציקער פארטרעטער פון די בארימטע פאבריקן ***„De Trey“*** אין צוריך

און ***„S.S. White“*** אין פילאדעלפיע

אפטיילונגען:

TARTUS, Promendi 9, Telef. 605;
PÄRNUS, Jalaka 4; telef. 265;
NARVAS, Peetri apteek.

גרעסטער לאגער אין עסטי פון צאנערצטליכע און צאנטעכנישע אינסטרומענטן.

ארץ־ישראלדיקע צאנאויספילינגע־מאטעריאל.

**Newland Fillisy Porselain**
**Drytex Stone Cement Crown**
**Bridge Oxyphospate Cement.**

**איר דארפט ניט פארן אין פאריז!**



אין פארפיומערי און אראבגעשעפט פון

פראוו **בלומענפעלד**

**Tartu, Promenadi 9, Tel. 6-05**

געפינט איר אלע מאל א גרויסן אויסוואל געשאנקען און זאכן פון אלטעגלעכן געברויך.

פארפיום,
פודער,
קרעם, איטיק און אויסלענדישע
זייפן און אלע קאסמעט. זאכן
צאן־פולווער און פאסטא
ראזיר מכשירים,
גומיזאכן,
פארשיידענע פארבן א. וו.

PARIMAID HOOAJAUUDISEID!

LOOMULIKKU-,
KUNSTSIIDI,
VILLAST JA

TRIKOO-RIIDEID,
TRIKOOPESU,
KÕLAPITSI JNE.

SOOVITAB SUURES VALIKUS

A.-S. „RAUANIIT"
TALLINN.

SUKATÖÖSTUS
„COTTON" A.-S.
Tallinn, Põhja puiestee 7
Telefon 432-63

Suurim spetsiaal
sukatööstus Eestis

*Elegantse
daamisuka
Eliit
ainuvalmistaja*

Kodumaa
suurim ja täiuslikum
trikookindatööstus

A.-S. Kindavabrik
„SIMPLEX"
Tallinn, Prii 3. Kõnetr. 448-19.

Saadused müügil üle maa.



דער אויפנאם פון דער עסטנישער פרעסע דורך דעם פארזיצער פון דער קולט.=פארוואלטונג אין צוזאמענהאנג מיטן פארשטייענדיקן 10 יאריקן יובל פון דער יידישער קולטור אווטאנאמיע אין עסטי.

דעם 27 מאי 1936 האט דער פארזיצער פון דער ק. פ. ה׳ אייזנשטאט אופגענומען די פארשטייער פון דער עסטנישע פרעסע. אין זיין ווארט האט ה. אייזנשטאדט גע=שילדערט דעם גאנג פון קולטור=אווטאנאמיע געזעץ, ווי אזוי דער יידישער קבוץ האט די אווטאנאמיע אנגענומען אין די ארבעט פון די ארגאנען פון דער קולטור=אווטאנא=מיע. דאס עסטנישע יידנטום איז א גליקלעכער אַאַזיס אין דער יידישער וועלט וועמעס האריזאנט זיינען, צום באדויערן, אין דער לעצטער צייט באדעקט מיט שווערע וואלקנס.

די פארשטייער פון די פרעסע האבן פארבראכט איניקע שעה אין א געמיטלעכן שמועס און צום סוף האט דער פארשטייער פון „פעעוואלעכט״ ה׳ טאקלאיא באדאנקט ה׳ אייזנשטאדט און די מיטגלידער פון ק. פ. פאר דער אויפנאמע און האט ארויסגעזאגט א האפנונג, אז עס וועט זיך שאפן אן ענגע קולטורעלע צוזאמענארבעט צווישן דער עסטנישע מערהייט און יידישן מעוט.



א. באס.



י. גאלדבערג.



מ. אבראמסאן,

מיטגלידער פון 11=טן קולטור=ראט ניט אנוועזנדע צו דער 5=יאריקער יובל=סעסיע

# באגריסונג פוז טאלינער יידישן געמיינדע־ראט

מיט 10 יאר צוריק האט זיך אנגעהויבן א נייע ערא אין דער געשיכטע פון עסטנישן יידנטום. עס ווערט איינגעפירט אין לעבן די קולטור-אווטאנאמיע. דער קליינער יידישער קבוץ אין עסטי באקומט פון דער מלוכה ברייטע פולמאכטן און פאראנטווארטלעכע אויפגאבן צו פארוואלטן מיט דעם יידישן שול-וועזן און אנצופירן מיט די אייגענע קולטור-ענינים. מיטן אריינטרעטן פון דער נאציאנאלער קולטור-זעלבסטפארוואלטונג אין לעבן קומען פאר גרויסע שנויים אין דער טעטיקייט פון די קהילות, וועלכע האבן ביז אהער אנגעפירט מיטן גייסטיק-קולטורעלן לעבן פון זייערע מיטגלידער.

די טאלינער געמיינדע האט געמוזט לויט דער נייער ארדנונג ארויסנעמען פון איר קאמפעטענץ דעם גאנצן שול-וועזן און איבערגעבן אים אין רשות פון דער קולטור-פארוואלטונג.

מען מוז מודה זיין, ביי די געזעלשאפטלעכע טוער, וועלכע האבן זיך פון איצט אן פארנומען הויפטזעכלעך מיט ענינים וואס זיינען נוגע דעם יידישן רעליגיעזן לעבן, האט די ניי-געשאפענע ארדנונג ארויסגערופן פארשיידענע ספקוס.

נאר אט זיינען שוין פארביי 10 יאר טעטיקייט פון דער קולטור-אווטאנאמיע, און מען דארף מיט באפרידיקונג קאנסטאטירן, אז די אלע שאלות און ספקות זיינען ניט געווען בארעכטיקט.

צווישן די ביידע ארגאניזאציעס האט זיך געשאפן א שטענדיקער קאנטאקט. דער געמיינדע-ראט, וועלכער איז פאקטיש און פארמעל געבליבן דער בעל-הבית פון דער גימנאזיע-געביידע און האט זיך ניט אויפגעהערט צו אינטערעסירן מיט די שול-אנגעלעגנהייטן. האט דעם מצד אנפירנדן ארגאן פון דער קולטור-אווטאנאמיע באגעגנט א פארשטענדיקע און טאלעראנטע באציאונג צו זיך.

די אנווייזונגען און פארשלאגן פון געמיינדע-ראט זיינען שטענדיק פון דער קולטור-פארוואלטונג זארגפעליק און ערנסט אויסגעהערט געווארן. די פראגע וועגן אונטעריכט פון רעליגיע אין דער טאלינער שול איז פון דער ק. פ. געלייזט געווארן אין הסכם מיט די ווונשן פון געמיינדע-ראט.

דער טאלינער געמיינדע-ראט באגריסט די ק. פ. און דעם גאנצן עסטנישן יידנטום מיט דעם גרויסן היסטארישן יום-טוב פון יידישער קולטור-זעלבסטפארוואלטונג, שיקט זיין הארציקע ברכה אלע פריערדיקע און איצטיקע טוער פון דער קולטור-אווטאנאמיע און ווינשט, אז די טוער פון דער קולטור אווטאנאמיע זאלן געפינען דעם ריכטיקן וועג וואס זאל פירן צו א פולקומער פאראייניקונג פון דעם גאנצן עסטנישן יידנטום.



דער כאר פון טאלינער יידישער גימנאזיע אין יאר 1930



ש. קאבאלקין.

## באגריסונג פון ק. ג. „תרבות״

אין צוזאמענהאנג מיט דעם באפארשטייענדיקן 10־יאריקן יובל פון דער קולטור־אווטאנאמיע, דערלויבט זיך די געזעלשאפט „תרבות״ ארויסזאגן איר מיינונג וועגן דער שפראכן־פראגע.

איינע פון די גרעסטע פארדינסטן פון אונזער קולטור־אווטאנאמיע באשטייט אין דעם, וואס אירע אויספירארגאנען האבן דערפילט דעם ווונש פון דער מערהייט פון עסטנישן יידנטום, בולט אויסגעדריקט דורך די ווייִלער, געבן א מעגלעכקייט זייערע קינדער צו לערנען העבּרעאיש אין אונזערע שולן; אויסער דעם האט דער קולטור־ראט דערפילט אין א באשטימטן מאס די ווונטשן פון דעם מעוט אין באצוג צו דער יידישער שפראך.

די געזעלשאפט „תרבות״ האלט פאר אן אונארמאלע דערשיינונג בא אונדז יידן די שפראכן־פראגע, ווייל מיר האבן א סטאבילע אוראלטע העברעאישע שפראך, די שפּראך פון תנ״ך, וועלכע איז אנערקענט געווארן דורך אלע פעלקער אלס „ספר־הספרים״, וועלכע ווערט נאך איצט שטודירט און ציטירט.

אין דער שפראך פון תנ״ך זיינען געשאפן געווארן אונצאליקע גרויסע אוצרות אף אלע געביטן; מיר יידן האבן שטענדיק געשטרעבט, אז דאס גאנצע פאלק זאל קענען די שפראך; פון דאס לעצטע האט מען געצאלט שכר־לימוד כדי צו לערנען די קינדער העברעאיש.

זייענדיק אין גלות, זייענדיק געצווונגען צו ריידן אויף דער לאנד־שפראך, האבן מיר שטענדיק געהאלטן פאר אונדזער חוב צו באהעפטן אונזערע קינדער מיט דער שפראך פון אונזערע אבות.

אונזער פּאראל איז שטענדיק געווען „דאס פאלק ישראל און זיין קולטור איז איין זאך״, דעריבער ווארפן מיר אפ די ניי דערשינענע אידעאלאגיעס צו לערנען אונזערע קינדער אין אנדערע שפראכן וואס קען ברענגען צו אסימילאציע און פארניכטונג פון אונזערן נאציאנאלן גייסט און אונזערן בעסטן אוצר די העברעאישע שפראך, דעם פונדאמענט פון אונדזערער נאציאנאלער קולטור.

מיר ווענדן זיך מיט א דרינגענדע בקשה צו אלע שיכטן פון אונדזער פאלק אן אויסנאמע פון פארטייען, צו אלע עלטערן, וועלכע האבן צוליב געוויסע סיבות ניט געהאט די מעגלעכקייט צו לערנען העברעאיש, אפצוגעבן זייערע קינדער אין דער העברעאישער שול, כדי זיי זאלן קענען מיטגיין מיטן גרויסן שטראם פון אונזער יוגנט, וועלכע שטראמט אין אונזער לאנד, וועלכע שטרעבט צו לעבן אין א יידישע סביבה און צוזאמען מיט אונזערע ברידער אופלעבן אונזערע אלט־נייע שפראך.


Pudukauba ladu

**Sch. BAKSCHT & POJAD**

Tartu, Poe 3

En gros
En detail



U.-Ü.

**A. KEISS**

Omanik: Prov. J. Blumenfeld ja Ko

OPTIKA- JA ARSTIRIISTADEÄRI

Asutatud 1893. a.

Tartu, Promenadi 9. Tel. 6-05. Postkast 50



Soovitab suures valikus

Igasuguseid arsti- ja loomaarsti riistu. Elektromeditsiinil. aparaate. Mikroskoope. Röntgenikabineti sisseseadeid. Mitmesugus. tervistuslampe. Kliinikute ja arstikabineti täielikke sisseseadeid. Laboratoriumi tarbeid, klaasi, bakteriol. värve jne.

**Suur ladu igasuguseid kääre ja nuge.**

**Omas mehaanikatöökojas**

arstiriistade valmistamine, ka erisoovidele vastavalt joonistuste järele, Samas kõik parandused ja teritamine. **Nikeldamine.**

**Lõhkenud rekord-süstlate vahetus.**

**Eelarvete koostamine ostukohustuseta.**

איינע פון די גרעסטע און עלטסטע איינהיימישע

פארזיכערונגס־געזעלשאפט

# „עסטי ללאיד“

גערגרינדעט 1919 יאר

פאראנטוואָרטונג סומע איבערשטייגט

## Kr. 1.177.000.—

אויסגעצאלט שאדן־אנטשעדיקונגען איבער **Kr.3.100.000.—**

פארטרעט· איז אלע ישובים סאלידע ווייטערפארזיכערונג!

---

„Tav“

Tartu Alumiiniumi Vabrik

## Praktiline perenaine

*ostab ainult alumiinium-nõusid märgiga „Tav“*




*Küpsetamisvorm „Perenaise rõõm“*



*UUDIS!*
*Igasugused elekterkeedunõud.*
*Müügil igalpool.*



דער 15־יאריקער יובל־אקט פון ט. יי. ס. פ. „מכבי״

די קולטור-פארוואלטונג פייערט דעם 10-יאריקן יובל פון דער קולטור-אווטאנאמיע אין עסטי. דאס איז א יום-טוב פאר דער גאנצער יידישער באפעלקערונג. דער ספארט פאריין „מכבי״ פייערט אויך דעם געבורטסטאג פון דער גרויסער היסטארישער געשעעניש פון דעם עסטנישן יידנטום.

עס איז נאך פיליכט א צו קורצע צייט כדי צו ריידן וועגן דער אויפגעטאנענעד נאציאנאל-קולטורעלער און דערציערישער ארבעט מצד די ארגאנען פון דער קולטור-פארוואלטונג צווישן דער יידישער באפעלקערונג. די אידיי פון דער קולטור-אווטאנאמיע איז געווען נאך ריי און דעריבער איז שווער געווען דורכצופירן די ארבעט אויף אלע געביטן, כדי צו באפרידיקן אלע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג אין עסטי. מיר נעמען אויך אין באטראכט די שוועריקייטן, וועלכע זיינען געשטאנען פאר דער קולטור-פארוואלטונג. די אנטשיידונג פון דער שפראכן-פראגע אין די שולן און די באגרענצטע מיטלען.

צווישן די אלע זארגן האט די קולטור-פארוואלטונג דאך ניט פארגעסן אן אונז אויך, און פארשטייענדיק אונזערע גרויסע אויפגאבן אין אונזער ארבעט, אונטערשטיצט אונז פון צייט צו צייט הן מאראליש הן מאטעריעל.

מיר ווילן היינט אויסנוצן די געלעגנהייט און עפנטליך אויסדריקן דער קולטור-פארוואלטונג אונזער איניגסטן דאנק פאר דעם אלעמען.

אנערקענענדיק די וויכטיקייט פון דער יידישער קולטור-זעלבסטפארוואלטונג, ווינשן מיר איר צום יובל א פרוכטבארע ווייטערדיקע טעטיקייט אויפן געביט פון נאציאנאל-קולטורעלער דערציאונג לטובת דער יידישער באפעלקערונג אין עסטי.

מיר האפן, אז יעצט נאכן פארלויף פון 10 יאר וועלן די שוועריקייטן ליקווידירט ווערן און די קולטור-פארוואלטונג וועט קענען לייגן נאך מער אכט אויף די ארגאניזאציעס בכלל און אויף אונזער ארגאניזאציע אלס אייציגער ספארט-פא־יין בפרט.

פארוואלטונג פון ט. יי. ס. פ.

«מ כ ב י»


# טארטוער יידישער קאאפעראטיוו באנק.

טארטו. ◆◆◆ Poe t. 2. ◆◆◆ טעלעפ. 302

גיט ארוים הלוואות, עמפאנגט פקדנות.

פירט אוים אלע באנק אפעראציעס.

# באגריסונג פון דער ייד. געזעלשאפט־לעכער פאריייניקונג.

צעניאריקער עקסיסטענץ פון דער יידישער קולטור=אווטאנאמיע אין עסטי, איז א דאטום וואס האט א קאלאסאלע באדייטונג, אין לעבן פון אונזער יידישן קבוץ.

די אומפארטייאישע יידישע געזעלשאפטלעכע פאריייניקונג, איז פון דעם ערשטן טאג פון איר גרינדונג, ארויס מיטן לאזונג פון א פרידלעכן צוזאמענלעבן פון דער טאלינער יידישער באפעלקערינג אויפן יסוד פון קולטורעלע פאריייניקונג.

די טאלינער יידישע געזעלשאפטלעכע פאריייניקונג האט אלעמאל מיט גרויס אינטערעס נאכגעפאלגט די ארבעט פון די ארגאנען פון דער קולטור=זעלבספארוואלטונג און צוזאמען מיט איר געשטרעבט ביצוקומען די אלע שוועריקייטן וואס זיינען געלעגן אויף איר וועג.

מיר ווינשן אויך אויף ווייטער דער יידישער קולטור=זעלבסטפארוואלטונג איר זאל געלינגען צו פאריייניקן דעם גאנצן יידישן קבוץ אויפן יסוד פון מלוכהשער, נאציאנאלער און קולטורעלער ארבעט.

מיר ווינשן איר געפינען די ריכטיקע וועג צו פארוויקלען די מיסיע, וועלכע די געשיכטע האט ארויפגעלייגט אויף אונז אין הינזיכט פון שאפן, פארפעסטיקן און איינצוהאלטן די איינאיינציקע עפנטלעכע רעכטלעכע ארגאניזאציע אין דער וועלט.

די פארוואלטונג.




י. בלומענפעלד.

# די יידישע קאטעדרעביים אוניווער־סיטעט איז טארטו

ר, אברהם גייגערס כמעט 100 יאר אלטע פאדערונג, אז די יידישע וויסנשאפט זאל אלס אן ארדענטלעכער לערפאך צוגעלאזן ווערן ביי די אוניווערסיטעטן, איז דא ביי אונדז אין עסטלאנד מיט דריי יאר צוריק מקוים געווארן.

אף א פארשלאג פון דאמאלסטדיקן דעקאן פון טעאלאגישן פאקולטעט און היינטיקן עסטנישן לאנדעסבישאף פראפעסאר ד״ר ה. ב. ראהאמעגי דורך דעם, ליידער, צו פרי פארשטארבענעם ד״ר. י. נאדעל ז״ל האט די יידישע קולטור=פארוואלטונג דעם 24 סעפטעמבער 1929 געווענדעט צום אוניווערסיטעט אין טארטו מיט א בקשה, דערלויבן צו גרינדן ביי דעם טעאלאגישן אדער פילאזאפישן פאקולטעט א ספעציעלע קאטעדרע פאר יודאיקא. אלס באפולמעכטיקטער פון דער יידישער קולטור פארוואלטונג האב איך מיטן אוניווערסיטעט די פארהאנדלונגן געפירט און ערשט אין אפריל 1930 האט די ווייטערדיקע צוגרייטונגס=ארבעט איבערגענומען די געגרינדעטע געזעלשאפט ״חברה להרחבת מדעי היהדות ע״י האוניברסיטה בטרטו״. איר אינטענסיווע און ניט ווייניק שווערע באמיאונגן איז צו פארדאנקן, וואס דעם 28 יוני 1932 האט דאס עסטנישע בילדונגס—און סאציאל=מיניסטעריום באשטעטיקט דעם פארשלאג פונם אוניווערסיטעטס=סענאט וועגן ״די געזעצלעכע פארארדנונגען בנוגע צו דער דערעפנונג פון דער יידישער קאטעדרע״.

די §§ 1, 4, און 14 פון די ״געזעצלעכע פארארדנונגען באשטימען, אז די קאטעדרע הוצאות פון דער קאטעדרע מוז געטראגן ווערן פונם גרינדער, און דעריבער האט דאס עסטנישע יידנטום, קליין אין צאל און ארם און מיטלען, ניט געקענט גלייך צוטרעטן צו דער דערעפנונג פון דער ווייט איבער די גרעניצן וויכטיקער קאטעדרע. און נאר אדאנק די גרויסע באמיאונגן פון מר. פויל גודמען=לאנדאן, א זון פון אונזער שטאט, איז עס אין אנפאנג 1934 מעגלעך געווארן איינצולאדן דעם באקאנטן יידישן געלערטן פראפעסאר ד״ר לאזאר גולקאוויטש—לייפציג.

די ארבעט פון דער יידישער קאטעדרע קומט פאר הויפטזעכלעך אין ראמען פון סעמינאר פאר יידישע וויסנשאפט און גרייט די שטודענטן צו וויסנשאפטלעכע פארשונגס=ארבעט.

די פובלוקאציעס פונם סעמינאר, וועלכע דערשיינען אין די Acta Universitatis Tartuensis האבן די גרויסע אופגאבע, א חוץ דעם דין וחשבון וועגן די סעמינארטעטיקייט אויך צו דערנענטערן די יידישע און ניט יידישע עפענטלעכקייט צו דער אייגנארטיקייט פון דער יידישער קולטור. די אופבוי ארבעט פון דער יידישער קולטור אין דער עפנטלעכקייט און פאר דער עפנטלעכקייק איז דער ציל פון דער ״געזעלשאפט צו פארשפרייטן יידישע וויסנשאפט ביי דער אוניווערסיטעט אין טארטו״. זי זעט אין דער קולטור=אווטאנאמיע פונם יידישן טעוט אין עסטלאנד ניט נאר א רעכט, נאר א פליכט אויסצופירן די נויטיקע אויפגאבן אויף אלע געביטן פון אונזער קולטורעלן לעבן.

## ספארטלעכע דערגרייכונגען
## פון טאלינער גימנאזיע




זיגער פון עסטאפעט־לויף אין A קלאס
דאמען מאנשאפט




זיגער פון עסטאפעט־לויף אין B קלאס
הערן מאנשאפט

---

# פון דער רעדאקציע.

ליידער צוליב דוחק און צייט האבן ניט געקענט אריינגיין אין אלמאנאך פאלגענדע ארטיקלען:

מ. עפשטיין—וואלק—וועגן דער וואלקער שול.
ד. סאלאמאן—טארטו—וועגן דער שול אין טארטו.
א קאסאצקי—טאלין—באגריסונג אין נאמען פון צ. ס.
ד״ר. א. בערנשטיין — באגריסונג.
פאריין פון די יידישע אקאדעמיקער—באגריסונג.
ש. סווערדלאוו—חשמנאי—באגריסונג.
ליטעראַרישרע־פאריין—נארווא – באגריסונג.
ליטעראַרישער פאריין אין פערנוי "אחדות" — באגריסונג.

אין נאמען פון דער ק. פ. דריקט אויס די רעדאקציע איר באדויערונג און דאנק אלעט פערזאנען פאר די צוגעשיקטע ארטיקלען און באגריסונגען.

---

ארויסגעבער—יידישע קולטור־פארוואלטונג
רעדאקטאר ש. גורין

Väljaandja—**Juudi Kultuurvalitsus**
Vastavoimetaja ***S. Gurin***

דרוקעריי ב. ביילינסאן, טאלין־עסטי
ד. 3־טן יוני 1936

Trükikoda B. Beilinson, Tallinn—Eesti
3. Juunil 1936 a.

ÕMBLUSNIIT

„GLADIATOR"

Kingakreem,

poonimisvaha,

metallipuhastusaine,

veesaapamääre

„KROON"

Metsaeksport-äri

**Meier Judeikin**

*OSTAB*

*igal pool piiramata arvul eksportlaudu, kasvavat metsa, okaspuupalke, lehtpuupakke, propse jne.*

*MÜÜB*

*soodsate hindadega kuivi ehitus- ja tislerimaterjale, eriti suures valikus kase- ja lepalaudu, en-gros 20 prots. hinnaalandus.*

*SAEVESKID*

*TALLINNAS, Uus-Sadama 11, kõnetr. 428-09.*

*Mustvees, Petrogradi 211, kõn. 15*

*Võrus, Vabriku 6, kõnetr. 89.*

*Põlvas, Raudteejaama juures kõnetr 4-e.*

TARVITAGE

MAKARONIVABRIK

„AERA"

SAADUSI!!

TARTU, LAO TÄN. 45

TELEFON 3-66

**O.-Ü. Systema**

Tallinn, Lai 9. Tel. 430-09

Telegr. aadress: Systema

PARIMAD büroomasinad ja -tarbed:

| | |
|---|---|
| Kirjutusmasinad | Remington |
| | Torpedo |
| | Hermes |
| Arvemasinad | Brunsviga |
| Paljundusmasinad | Geha |

Inglise söepaber ja kirjutusmasinalindid,

Soome G. R. Grundströmi rahakapid,

SOOVITAB AINUESINDUS EESTIS:

**O.-Ü. SYSTEMA**

**Tallinn, Lai 9. Tel 430-09.**

**א. קאסאצקי**, פארזיצער פון צ.-ס. פארטיי אין עסטי.

# נאציאנאלע קולטור-אויטאנאמיע און ארץ-ישראל

פאר אונז יידן איז דאס פראבלעם פון נאציאנאלער קולטור-אויטאנאמיע אייגנטלעך ניט ניי. אין משך פון דער גאנצער גלות עפּאכע האבן מיר שטענדיק געהאט פאר זיך דאס שווערע פראבלעם פון נאציאנאלער עקסיסטענץ בײ אנטינאציאנאלע באדינגונגען. דער איינציקער וועג צו לייזן — אין א געוויסער מאס — דאס דאזיקע פראבלעם איז באשטאנען אין דעם, וואס מיר האבן זיך תמיד געגעבן די גרעסטע מי אנצוהאלטן געוויסע פארמען פון נאציאנאל-קולטורעלער אויטאנאמיע. דאס האט זיך אונז אין א געוויסער מאס איינגעגעבן צוליב דער אויסערלעכער איזאלירטקייט און אינערלעכע קאנצענטרירטקייט פון דעמאלטיקן יידישן לעבן אין די געטאס, וועלכע האבן אין א גרויסער מאס געדינט ווי פעסטונגען פאר דער אויפהאלטונג פון דער יידישער קולטור און פון יידישע טראדיציעס.

אמת די דאזיקע פעסטונגען זיינען גלייכצייטיק געווען טורמעס, וואס אין זיי איז דער יידישער גייסט געווען געפאנגען און געפענטעט און האט ניט געהאט די מעגלעכקייט זיך פריי און נארמאל צו אנטוויקלען און אויך נישט די געלעגנהייט באַרייכערט צו ווערן דורכן קומען אין קאנטאקט מיט די קולטור שאפונגען פון אנדערע פעלקער.

דאך, בײ אלע אירע נעגאטיווע אייגנשאפטן, האט די יידישע געטא מיט אירע אויטאנאמישע פארמען זייער א סך מיטגעווירקט צו דער אויפהאלטונג פון די יידישע נאציאנאל-קולטורעלע טראדיציעס און לעבנס-פארמען.

נאך דעם ווי די געטא מויערן זיינען איינגעפאלן און צוזאמען מיט זיי אויך די איינגעפונדעוועטע יידישע טראדיציעס און לעבנספארמען, האט ווידער אויפגעוואכט די אידיי פון נאציאנאלער קולטור-אויטאנאמיע אין וועלטלעכן זין, דורך דער מאדערנער יידישער נאציאנאלער באוועגונג וועלכע איז אין א געוויסער מאס געווען די אפשפיגלונג און רעזולטאט פון די הערשנדיקע אין דער ארומיקער וועלט נאציאנאלע אנשליסונגען פון פאריקן יאר-הונדערט. די מאדערנע יידישע נאציאנאלע באוועגונג האט אויפגעהויבן די פראגע פון נאציאנאלע רעכט פאר די יידישע מעוטים אין די גלות לענדער אזוי ווי בײ אלע אנדערע פעלקער.

נאציאנאלע רעכט זיינען דאך אייגנטלעך די נ:יטיקע און לאגישע דערגענצונג צו די עלעמענטארישע בירגער-רעכט, וואס פאר זיי האבן מיר זייער לאנג שווער און ביטער געקעמפט. נאציאנאלע רעכט זיינען ניט ווייניקער וויכטיק פארן כלל, ווי די בירגער-רעכט פארן יחיד.

אויב אבער די פראגע פון די אנדערע מינארי:עט-גרופן קענען כמעט פולשטענדיק געלייזט ווערן דורך נאציאנאלע קולטורעלע אויטאנאמי, קען דאס אבער ניט געזאגט ווערן וועגן אונז יידן, וואס געפינען זיך סיי אלס קבוץ, סיי אלס פאלק, אין א באזונדערע לאגע.

עקאנאמיש באדנלאז, פיזיש צעריסן און גייסטיק צעשפליטערט — קען די לייזונג פון די יידישע נאציאנאלע פראבלעמען, ווייט ניט אויסגעשעפט ווערן מיט די פארמען פון לאקאלער אויטאנאמיע, נאר זי מוז דערגענצט ווערן דורך פאליטיש-קולטורעלע דעראבערונגען פון אלגעמיין נאציאנאלן כאראקטער, פון וועלכן דער מעוט שעפט זיין יניקה. די אלגעמיין נאציאנאלע פאליטיש קולטורעלע עראבערונגען דריקן זיך אויס אין ציוניזם.

די באפרייאונג פון יידישן פאלק איז שטענדיק געווען ארגאניש צוזאמענגעוואקסן מיט דער באפרייאונג פון יידישן לאנד.

בײ היינטיקן טאג ווען ארץ-ישראל איז געווארן א ווירקלעכקייט, ווען דער אידעאל פון שיבת ציון האט אנגענומען אזוינע קאנקרעטע פארמען און פאר אונזערע אויגן ווערט ארץ-ישראל געשאפן דער פאליטיש-קולטורעלער צענטר, וואס דארף פאראייניקן און באאיינפלוסן דעם גאנצן יידישן פאלק אין אלע גלות לענדער — קען דער געדאנק פון נאציאנאלער קולטור-אויטאנאמיע נאר דאן האבן אזין, ווען ער איז פארבונדן מיט ארץ-ישראל. און ווער רעדט נאר אויך אין אזא קליינעם יידישן קבוץ ווי בײ אונז, וואס איז אפגעריסן פון דער גרויסער יידישער וועלט, אין דער איינציקער פארם וואס פארבינט אונז מיטן וועלט יידנטום איז ארץ-ישראל קען אודי און אודאי די קולטור אויטאנאמיע ניט האבן קיין זין, ווען זי זאל זיך דערווייטערן פון ארץ-ישראל געדאנק.

אלזא, דאס איצטיקע יידנטום האט פאר זיך צוויי אויפגאבן — נאציאנאלע קולטורעלע אויטאנאמיע אין די גלות לענדער און נאציאנאלן-סאציאלן פאליטישן אויפבוי אין ארץ-ישראל. ריכטיקער — איין אלגעמיינער טאפלטן אויפגאבע, ווייל ביידע זאכן זיינען אייגנטלעך בלויז 2 זייטן פון איין אונדעמזעלבן צענטראלן פראבלעם — די נאציאנאלע סאציאלע און קולטורעלע אויפלעבונג פון יידישן פאלק.

5- 061.2 (=924.5) (474.2B) (084)


# A/S. TARTU PANK

asut. 1868 a.

**AKTIVA.** Arvete seis 30. aprillil 1936. a. **PASSIVA.**

| AKTIVA | |
|---|---|
| Kassa, välisraha ja hoiuarved teistes krediitasutistes . . Kr. | 1.017.097.94 |
| Väärtpaberid . . . . . . . „ | 102.176.84 |
| Diskonteeritud vekslid ja laenud „ | 9.411.661.49 |
| Korrespondendid . . . . . . „ | 282 008.78 |
| Garantii ja mitmes. deebitorid „ | 2.233.477.13 |
| Kinnis- ja vallasvara . . . . „ | 681.309.75 |
| Osakond . . . . . . . . . . „ | 710.284.02 |
| Muud aktivad . . . . . . . „ | 312.493.48 |
| Kokku: Kr. | 14.750.509.23 |

| PASSIVA | | |
|---|---|---|
| Põhikapital . Kr. | 1.000.000.— | |
| Tagavarakap. „ | 41.700.— | |
| Amortisatsioonikapital . . „ | 114.905.54 | Kr. 1.156.605.54 |
| Hoiusummad . . . . . . . . „ | | 5.480.467.17 |
| Vekslite rediskont ja võlad teistes krediitasutistes . . . . „ | | 3.156.444 14 |
| Korrespondendid . . . . . . „ | | 1.577.371.07 |
| Väljaantud garantiid ja mitmes. kreeditorid . . . . . . . . „ | | 2 233.477.13 |
| Osakond . . . . . . . . . . . „ | | 704.645.88 |
| Muud passivad . . . . . . . „ | | 441.498.30 |
| Kokku: Kr. | | 14.750.509.23 |

**Peapank: TALLINNAS.** **Osakond: TARTUS.**

Toimetab kõiki pangaoperatsioone sise- ja välismail.

Panga juures Eesti Kinnitus A/S. „Polaris'e" peaagentuur.

Peakorrespondent: The British Overseas Bank, Limited, Londonis.



***Nahavabrik*** ***Asutatud 1880. a.***

# A.-S. E. M. USVANSKY JA POJAD






***Tartu, Kaluri tän. 45, Kaubahoov 24, telef. 1-22***
***Tallinn, Vene turg 3, telef. 304-49***
***Petseri, Kaubarida 17, telef. 1-23***

149 (13 III 36)


# M. Jänes'e suuräri

asutatud 1899. aastal

Tartu, Kaubahoov 9—12

on kõige vanem ja suurem

riidekauba ja kangalõime ladu

Eestis

Müük suurel ja väiksel arvul.

# Estico

Eesti Comb Factory

Tartu Eesti

Vabrik valmistab

kamme, kummikraesid, maniküürartikleid, sifoonimejaid, paberossipitse, paberinuge, mänguasju kõvakummist ja tselluloidist.

Müük ainult jällemüüjaile.

Export.


Beilinson'i trükk. Tallinnas, 1936.